# מאַטעריאַלן און נאָטיצן

## אומבאַקאַנטע בריוו פֿון י. ל. פּרצן

### צוגעגרייט צום דרוק פֿון ד״ר יעקבֿ שאַצקי

די אָריגינאַלן פֿון די ערשטע 13 בריוו געפֿינען זיך אין אַרכיוו פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט; דער מקור פֿון די לעצטע דרײַ בריוו איז אָנגעוויזן בײַ די בריוו גופֿא. די בריוו האָבן אַ גרויסן ביאָגראַפֿישן ווערט. בפֿרט זײַנען וויכטיק די בריוו צו דוד פּינסקין, געשריבן אין די יאָרן 1897—1899.

דאָס איז געווען אַ קריטישער מאָמענט אין פּרצעס לעבן. נאָך דעם ווי ער האָט אַרויסגעגעבן אין משך פֿון די יאָרן 1894—1896 17 נומערן פֿון די יום־טובֿ־בלעטלעך, דרײַ בענד יודישע ביבליאָטעק און עטלעכע קלענערע זאַמלביכער — איז זײַן פֿאַרלעגערישע טעטיקייט געקומען צו אַ שטילשטאַנד.

אין 1897 האָט פּרץ זיך באַמיט אויפֿלעבן זײַן פֿאַרלאַג. ער האָט געוואָלט אַרויסגעבן אַ חודש־זשורנאַל און האָט פֿאַר דעם צוועק געגרינדעט אַ מין אַקציע־געזעלשאַפֿט. אין רעדאַקטירן האָט ער געוואָלט פּינסקיס הילף. וועלנדיק זײַן זיכער מיט דעם געפּלאַנטן זשורנאַל, האָט פּרץ באַשלאָסן אָנהייבן אים אַרויסגעבן ניט פֿריִער, ביז ער וועט האָבן מאַטעריאַל פֿאַר זעקס נומערן. די בריוו גיבן אַ בולט בילד וועגן דעם כאַראַקטער פֿון דעם זשורנאַל, וואָס האָט געזאָלט אָפּגעבן אַ סך אָרט פֿאַר פּאָפּולערער וויסנשאַפֿט און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָגעס. די פֿינאַנציעלע מניעות און די צרות מיט זײַן בן־יחיד האָבן צו נישט געמאַכט דעם גאַנצן פּלאַן. ווענדיק אַז עס איז אוממיגלעך אַרויסצוגעבן אַזאַ חודש־זשורנאַל, האָט פּרץ אָנגעהויבן טראַכטן וועגן באַנײַען די יום־טובֿ־בלעטלעך. אויך דער פּלאַן איז צערונען געוואָרן.

די בריוו שפּיגלען אָפּ דאָס געמיט פֿון פּרצן. ער איז געווען זייער דערשלאָגן צוליב די דאָזיקע מפּלות און האָט זיך תּמיד באַקלאָגט אויף דער טויטקייט וואָס הערשט אין דער ייִדישער ליטעראַרישער סבֿיבֿה פֿון וואַרשע.

„דער שׂכל ווייסט וואָס איז מיט מיר, שרײַבט ער צו פּינסקין: אַ פּנים פֿון אַ געזונטן מענטשן, אָבער אינעווייניק טוט עפּעס וויי און לאָזט ניט צו רו“ (בריוו נומער 10).

פּרץ האָט געזוכט זיך צו פֿאַרבינדן מיט ייִדישע צײַטונגען אין אַמעריקע כּדי צו קענען עפּעס פֿאַרדינען פֿון שרײַבן, ווײַל זײַן שטעלע אין דער גמינע האָט אים קיין פֿולע חיונה ניט געגעבן.

אַזוי אַרום ברענגען די דאָזיקע בריוו נײַע, ביז איצט אומבאַקאַנטע פּרטים צו דער ביאָגראַפֿיע פֿון פּרצן און באַלויכטן אַ בינטל טראַגישע יאָרן אין זײַן לעבן.

דער בריוו 11 איז געשריבן אין שײַכות מיט וולאַדעקס אַרטיקל וועגן מאָריס ראָזענפֿעלדן און בריוו 12 און 13 צו יעקבֿ אַדלערן (וואָס איז יעמאָלט געווען אין בערלין) אין שײַכות מיט דוד הערמאַנס פּלענער צו פֿאָרן קיין אַמעריקע און ווערן אַ רעזשיסער בײַם ייִדישן טעאַטער.

די הערות צו די בריוו זײַנען דערפֿירט געוואָרן צו אַ מינימום. זייער כּוונה איז אויפֿקלערן עטלעכע פּרטים, בפֿרט נעמען פֿון מענטשן וואָס ווערן אין זיי דערמאָנט.





די ייִדישע בריוו ווערן געדרוקט מיט דער אָרטאָגראַפֿיע פֿון די אָריגינאַלן. צו די אַנדערע בריוו איז צוגעגעבן געוואָרן אַ ייִדישע איבערזעצונג. די רוסישע בריוו גייען מיט דער הײַנטיקער אָרטאָגראַפֿיע.

די דאַטירונגען פֿון די בריוו זײַנען פֿעסטגעשטעלט געוואָרן לויט די שטעמפּלען פֿון וואַרשעווער פּאָסטאַמט. לײדער האָט זיך דאָס מיט עטלעכע בריוו ניט געלאָזט טאָן, אַזוי אַז זיי זײַנען געבליבן ניט דאַטירט.

בריוו נומער 1

צו די פּינסקיס, בערלין, ניט דאַטירט [מײַ 1897] *

Г. г. Пинскиe,

Жена моя и я очень рады Вашему счастию.

Мы знали о том и прежде, но все таки извещение тронуло нас как самый приятный сюрприз.

Молодецки устроились, молодецки и живете.

Ваш

Л. Перец.

[איבערזעצונג]

מײַן פֿרוי און איך פֿרייען זיך זייער מיט אײַער גליק. מיר האָבן וועגן דעם געוווּסט פֿון פֿריִער, דאָך האָט אײַער מעלדונג אונדז גערירט ווי דער אָנגענעמסטער סורפּריז.

איר האָט זיך וווּיל אײַנגעאָרדנט, און איר לעבט טאַקע וווּיל.

אײַער ל. פּרץ.

* די דאַטע איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרן לויט אַן אינפֿאָרמאַציע פֿון דוד פּינסקין.

בריוו נומער 2

צו דוד פּינסקי, בערלין [וואַרשע, 21סטן יולי 1897]

Г. Пинский, я забыл донести Вам, что 1 сего месяца по нов. ст. я выслал вам разсказ «Любовь ткача»[1]) — (так себе) и фантазию «Падающие звезды» (мал. хор. вещь). Просил 40*) в месяц. —

Не удивляюсь, что односторонне развитые люди, люди верующие в разные средства не доверяют скептику-мистику. Бог с ними, но — на словах я бы Вам объяснил это но. Книг в Берлин не успел выслать, в А. не стоит.

Поклоны

Ваш Л. Перец.

[1] די „וועבער־ליבע“ האָט זיך געדרוקט אין ניו־יאָרקער אָוונט־צײַטונג אין 1897, וועגן „פֿאַללענדע שטערן“ זען: יוווא־בלעטער ב׳ XII, ז׳ 160.

*) У меня 66 р. 63½ коп. месяц; Добавить бы до 100?

[איבערזעצונג]

הער פּינסקי.

איך האָב פֿאַרגעסן אײַך מודיע זײַן, אַז דעם ערשטן פֿון דעם חודש, לויט נײַעם סטיל, האָב איך אײַך אַרויסגעשיקט אַ דערציילונג „די וועבער־ליבע“ (גלאַט אַזוי) און אַ פֿאַנטאַזיע „פֿאַללענדע שטערן“ (אַ קליינע, גוטע זאַך). איך האָב געבעטן 40 * אַ חודש. איך וווּנדער זיך ניט, אַז איינזײַטיק אַנטוויקלטע מענטשן, מענטשן וואָס גלייבן אין פֿאַרשיידענע תּרופֿות האָבן ניט

קיין צוטרוי צו אַ סקעפּטיקער־מיסטיקער. גאָט מיט זיי. איך וואָלט אײַך געקענט דאָס דערקלערן אין ווערטער, אָבער. די ביכער קיין בערלין האָב איך ניט געקענט נאָך אַרויסשיקן און אין אַ[מעריקע] איז ניט כּדאַי.

גרוסן, אײַער ל. פּרץ

* איך פֿאַרדין 66 רובל און 63½ קאָפּיקעס אַ חודש; אפֿשר דערגאַנצן ביז 100?

בריוו נומער 3

צו דוד פּינסקי, בערלין [1898]

Друг мой,

Спешу сообщить Вам подробности: В распоряжении издательства пока 813 р., но будет гораздо больше. Намереваемся издавать по 3 листа в месяц. — Каждый вносящий 100 руб. делается пайщиком, с правом голоса, если таковой признается ему большинством прежних пайщиков. Другие подробности после.

Мы ожидаем от Вас:

1) содействия по беллетристике;
2) содействия по научной части и
3) сообщения нам вырезок из заграничных изданий, насколько там будут вещи достойные перепечатывания.

3 печатных листа это пропасть, Аллах знает успеем ли мы.

Главным образом я бы хотел получить через Вас мой разсказ: די וועבער ליבע — «роман в письмах», напечатанный в известном Вам американском издании, как равно и др. вещи, так как я с редакцией разошелся по поводу не очень аккуратного поступления с иностранными писателями.

Я убежден, что Вам было бы очень легко вести популярно отдел „איבער לאַנד און מעער" отмечать все новости научные, литературные, политические, общественные и специально еврейские с освещением *по возможности* объективным . . .

Не так ли?

Еще несколько слов о гонораре. Лучшим и *единомышленным* сотрудникам будут платит за *лучшие* труды по 30 руб. за лист, но желая непременно иметь их пайщиками, отчислим по 10 руб. с листа на пополнение пая.

Нет ли больше сотрудников в Берлине. Если есть, закажите у них работу, пришлите и присылайте. Нам к спеху.

A propos: Сколько стоило-бы печатание в Берлине. Поймете ведь в чем дело. Отчего и нам не издавать заграничного журнала.

Ваш
Л. Перец.

Что у Вас?

[איבערזעצונג]

פֿרײַנד מײַנער,

איך איל זיך אײַך מודיע זײַן די פּרטים: אין רשות פֿון פֿאַרלאַג איז דערווײַל פֿאַראַן 813 רובל; נאָר עס וועט זײַן אַ סך מער. מיר האָבן בדעה אַרויסצוגעבן דרײַ בויגן אַ חודש. יעדער איינער וואָס צאָלט אײַן הונדערט רובל ווערט אַן אַקציאָנער מיט שטימרעכט, אויב דאָס



ווערט אים געגעבן פֿון דער מערהייט פֿריִערדיקע אַקציאָנערן. אַנדערע פּרטים שפּעטער. מיר דערוואַרטן פֿון אײַך: 1) מיטהילף אין בעלעטריסטיק, 2) מיטהילף אין וויסנשאַפֿטלעכן טייל, 3) מודיע זײַן אונדז אויסשניטן פֿון אויסלענדישע אויסגאַבעס אויף ווי ווײַט עס וועלן דאָרטן זײַן זאַכן וואָס ס'איז כּדאַי איבערצודרוקן.

דרײַ דרוקבויגן איז אַ ים; און גאָט ווייסט אויב מיר וועלן זיך אַן עצה געבן.

דער עיקר וואָלט איך געוואָלט דורך אײַך באַקומען מײַן דערציילונג „די וועבער־ליבע", „אַ ראָמאַן אין בריוו", געדרוקט אין דער אַמעריקאַנער אויסגאַבע וואָס איז אײַך באַקאַנט, ווי אויך אַנדערע זאַכן. איך בין זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען מיט יענער רעדאַקציע, ווײַל זיי באַגייען זיך ניט זייער פּינקטלעך מיט אויסלענדישע שרײַבערס.

איך בין איבערצײַגט, אַז איר וואָלט געקענט זייער גרינג פֿירן אויף אַ פּאָפּולערן אופֿן אַן אָפּטייל „איבער לאַנד און מעער": פֿאַרצייכענען אַלע וויסנשאַפֿטלעכע נײַסן, ליטעראַרישע, פּאָליטישע, געזעלשאַפֿטלעכע און בפֿרט ייִדישע און באַלײַכטן זיי אויף ווי ווײַט מיגלעך, אָביעקטיוו.

ניט אַזוי?

נאָך עטלעכע ווערטער וועגן האָנאָראַר. די בעסערע און אייגענע מיטאַרבעטערס וועט מען צאָלן פֿאַר בעסערע אַרבעטן צו דרײַסיק רובל אַ בויגן, נאָר היות ווי מיר ווילן אומבאַדינגט זיי האָבן פֿאַר אַקציאָנערן, וועלן מיר אַראָפּרעכענען צו צען רובל פֿון אַ בויגן על־חשבון פֿון דער אַקציע.

צי זײַנען ניטאָ מער מיטאַרבעטערס אין בערלין? אויב יאָ, באַשטעלט בײַ זיי אַרבעטן און שיקט זיי צו. מיר אײַלן זיך.

אַגבֿ: וויפֿל וואָלט געקאָסט דרוקן אין בערלין. איר וועט דאָך פֿאַרשטיין, אין וואָס עס גייט. פֿאַר וואָס זאָלן מיר ניט אויך אַרויסגעבן אַן אויסלענדישן זשורנאַל.

אײַער ל. פּרץ.

וואָס איז בײַ אײַך?

בריוו נומער 4

צו דוד פּינסקי, בערלין [1898]

Друг,

К печатанию приступлю немедленно по собрании материала на 5-6 книжек. Не хотелось бы начать без обезпечения постоянства работы. О своих сотрудниках в административном и финансовом смысле говорить пока нечего. Назвать не хочется . . . Немного неловко вышло. Деньги дают люди богатые, советы — псевдоинтелигенты . . . Бог или чорт с ними. Формат издания Дер-Юда или же Дер-Юд вдвое. Продолжения будут. Если жалуются на мою неаккуратность, мне очень неприятно, но делать нечего . . . А отомстить изданию все таки не имеют права. На отчисление на пай никто не может жаловаться, так как и 20 руб. много денег при наших условиях. И 20 руб. получат только те, которые не оставят для меня работы поправлять (по русски ли это? Наврядли).

Я очень рад, что Вы намерены разбогатеть, и был бы еще больше рад, если бы я мог этому поверить. Впрочем чем чорт не шутит.

Пришлите много, премного. Сообщите о ценах, сотрудниках, одним словом будьте нашим уполномоченным заграницей.

На этом основании я списываться с заграницей вовсе не намерен. Сделайте себе печать קולטור־אויסגאַבע и подписывайте *за Редакцию.* «И

все то, что Вы законно сделаете, мы примем; спорить и прекословить не будем». Будьте только умерены в назначении гонорара; мы пока небогаты.

Я надеюсь в скором времени получить от Вас кипу труда.

Я полагаю, что Вы кое что еще читаете, хотя мечтаете уже о богатстве. Если встретится Вам вещь достойная перевода, сообщите или же купите и вышлите на наш счет на мое имя. Если бы у Вас там были хорошие переводчики и Вы могли бы редактировать их переводы, мы бы охотно отступили Вам эту честь, считали бы переводы Вашими и внесли бы на Ваш счет.

Я постановил себе не исправлять вещей *постоянных сотрудников*, обратите затем сами внимание на язык, чтобы не вкралось ничего славянского.

Поклоны

Ваш Л. Перец.

Пожалуйста, повторяйте в письмах Ваш адрес, пока не научусь его наизусть.

[איבערזעצונג]

פֿרײַנד.

איך וועל צושרעטן דרוקן תּיכּף נאָך דעם ווי עס וועט זיך אָנזאַמלען מאַטעריאַל אויף 6—5 ביכלעך. עס ווילט זיך ניט אָנהייבן כּל־זמן די באַשטענדיקייט פֿון דער אַרבעט איז ניט געזיכערט. וועגן מײַנע מיטאַרבעטערס, אַדמיניסטראַטיווע און פֿינאַנציעלע איז דערווײַל ניטאָ באַרניט צו זאָגן. פּורש בשמם זײַן ווילט זיך ניט. עס איז אַרויס אומבאַקוועם. געלט גיבן רײַכע מענטשן, עצות — פּסעוודאָ־אינטעליגענטן. זאָל זיי נעמען גאָט אָדער דער טײַוול. דער פֿאָרמאַט פֿון דער אויסגאַבע וועט זײַן ווי דער יוד, אָדער דער יוד אין צווייען. עס וועלן זײַן המשכים. אויב מען באַקלאָגט זיך אויף מײַן אומפּינקטלעכקייט, איז מיר זייער ניט אָנגענעם, נאָר וואָס קען איך העלפֿן . . . אָבער זיך נוקם זײַן אויף דער אויסגאַבע האָבן זיי פֿאָרט ניט קיין רעכט. קיינער קען זיך ניט באַקלאָגן, וואָס מען רעכנט אָפּ פֿאַר אַן אַקציע, ווײַל צוואַנציק רובל איז אין אונדזערע תּנאים אויך אַ סך געלט. די 20 רובל וועלן באַקומען נאָר די, וואָס וועלן ניט איבערלאָזן פֿאַר מיר די אַרבעט צו פֿאַרריכטן (איז דאָס גוט רוסיש? איך גלייב קוים). עס פֿרייט מיך זייער, וואָס איר האָט בדעה רײַך צו ווערן. איך וואָלט זיך נאָך מער געפֿרייט, ווען איך וואָלט געקענט אין דעם גלייבן. איבעריקנס, אַלץ קען זײַן אַ שפּאַס פֿון טײַוול.

שיקט צו אַ סך, זייער אַ סך. לאָזט וויסן וועגן פּרײַזן, מיטאַרבעטערס; מיט איין וואָרט, ווערט אונדזער פֿאָרטרעטער אין אויסלאַנד.

אויף אַזאַ אופֿן האָב איך בכלל ניט בדעה צו קאָרעספּאָנדירן מיט אויסלאַנד. באַשטעלט זיך אַ שטעמפּל: קולטור־אויסגאַבע און שרײַבט זיך אונטער פֿאַר דער רעדאַקציע. „אַלץ וואָס איר וועט מאַכן געזעצלעך, וועלן מיר אָנערקענען! קריגן זיך און ווידערשפּעניקן וועלן מיר ניט". זײַט אָבער אײַנגעהאַלטן אין באַשטימען האָנאָראַר; מיר זײַנען דערווײַל נאָך ניט קיין גבֿירים.

איך האָף גאָר בקרובֿ באַקומען פֿון אײַך אַ באַרג מאַטעריאַל.

איך בין משער, אַז איר לייענט נאָך עפּעס, הגם איר חלומט וועגן נתעשר ווערן. אויב איר וועט זיך אָנטרעפֿן אויף אַ זאַך וואָס פֿאַרדינט איבערגעזעצט צו ווערן, לאָזט וויסן אָדער קויפֿט אויף אונדזער חשבון און שיקט אַרויס אויף מײַן אַדרעס. טאָמער געפֿינען זיך בײַ אײַך גוטע איבערזעצערס און איר וואָלט געקענט רעדאַקטירן זייערע איבערזעצונגען, וואָלטן מיר גערן אײַך אָפּגעטרעטן דעם דאָזיקן כּבֿוד; מיר וואָלטן געהאַלטן, אַז דאָס זײַנען אײַערע איבערזעצונגען און פֿאַררעכנט אויף אײַער חשבון.

איך האָב באַשלאָסן ניט פֿאַרריכטן די זאַכן פֿון ש ט ע נ ד י ק ע  מ י ט אַ ר ב ע ט ע ר ס, גיט דעריבער אַליין אַכטונג אויף דעם לשון, כּדי עס זאָל זיך ניט אַרײַנגנבֿענען עפּעס סלאַוויש.

גרוסן, אײַער ל. פּרץ

איך בעט אײַך איבערחזרן אין די בריוו אײַער אַדרעס, ביז איך וועל אים זיך ניט אויס־לערנען אויף אויסווייניק.



בריוו נומער 5

(אַ פּאָסטקאַרטל צו דוד פּינסקי — אַלץ וואָס איז אין ייִדיש איז אָפּגעדרוקט)

רעדאַקציאָן דער „יודישען ביבליאָטעק", „ליטעראַטור און לעבען" עט „יו"טובֿ בלאַטלעך"

וואַרשע, אַפּריל [1899]

געעהרטער הערר!

Хотите ответ непременно; вот Вам его. У меня ни денег и юмора нет. Люциан нервно болен, следует его куда нибудь выслать, а тут экзамены его и — денег нет. Вам это непременно нужно знать? Вот Вам еще: Люциан подумывает пресерьезно покончить с жизнью. Довольно?

מיט אַכטונג

ל. פּרץ

אַדרעססע:

Л. Перецу, Варшава Цегляная 1

[איבערזעצונג]

איר ווילט אומבאַדינגט אַ תּשובֿה; אָט האָט איר זי. איך האָב ניט קיין געלט און ניט קיין הומאָר. לוציאַן * איז קראַנק אויף די נערוון. מען וואָלט אים באַדאַרפֿט ערגעץ ווו אַוועקשיקן. האָט ער גראָד עקזאַמענס און — קיין געלט איז ניטאָ. איר ווילט עס אומבאַדינגט וויסן? אָט האָט איר נאָך: לוציאַן טראַכט גאָר ערנצט וועגן נעמען זיך דאָס לעבן. גענוג?

מיט אַכטונג י. ל. פּרץ

* פּרצעס זון.

בריוו נומער 6

צו דוד פּינסקי, בערלין [וואַרשע, 24סטן מײַ 1899]

Друг мой,

Несколько недель тому назад я сообщил Вам о приступлении к возобновлению יו"ט בלאטליך по 3 листа в месяц. Сообщил, что плата, смотря по важности работ, 15, 20 и 30 руб. за печатный лист, с отчислением от получающих по 30 руб. с 1-ых десять листов по 10 руб. на пай на имя автора. Просил содействия. Просил тоже выдержек из заграничных жаргонных изданий для перепечатания и т. д., а ответа нет. Не потеряно ли письмо? Напишите немедленно.

Поклон жене

Л. Перец.

[איבערזעצונג]

מײַן פֿרײַנד.

צוריק מיט עטלעכע וואָכן האָב איך אײַך מודיע געווען וועגן דעם, אַז איך בין צוגעטראָטן באַנײַען די יום־טובֿ־בלעטלעך, צו דרײַ דרוקבויגן אַ חודש. איך האָב מודיע געווען, אַז דער האָנאָראַר וועט זײַן צו 15, 20 און 30 רובל פֿאַר אַ דרוקבויגן, אָפּהענגיק פֿון דער וואָגיקייט פֿון די אַרבעטן. די וואָס וועלן באַקומען צו 30 רובל וועט מען אָפּרעכענען פֿון די ערשטע 10 בויגנס צו צען רובל פֿאַר אַן אַקציע אויפֿן מחברס נאָמען. איך האָב געבעטן מיטאַרבעטן. איך האָב אויך געבעטן אויסשניטן פֿון אויסלענדישע ייִדישע אויסגאַבעס פֿאַר איבערדרוקן אאַז"וו — און קיין תּשובֿה איז ניטאָ. צי איז דער בריוו אַ מאָל ניט פֿאַרפֿאַלן געוואָרן? שרײַבט אָן תּיכּף. אַ גרוס פֿאַר אײַער פֿרוי.

ל. פּרץ

בריוו נומער 7

קולטור־אויסגאַבן
י. ל. פּרץ
וואַרשוי, צעגלאַנע 1

צו דוד פּינסקי [וואַרשע, 19טן יוני, 1899]

Друг мой,

Я вовсе не отношусь скептически к изданию: деньги есть, значит несколько книжек напечатаем. Возвратятся ли деньги, вот вопрос.

Мы можем условиться с автором, о *чем* он может писать, но знать не можем *как он напишет*. Заказывать в смысле Вашего предложения невозможно. Мы очень охотно поместили бы безстрастную критику Сионизма, очень охотно поместим сведения о научных конгрессах, если ст. будут написаны доступно, ясно и интересно. Напишут, пришлют и, если примем, вышлем немедленно гонорар. Главным образом нуждаемся в научной и общественной, живо и бойко написанной — хронике.

Это и заказать можно; не беда если одна или другая заметка не напечатается. — Хроникер должен доставлять свои заметки (отдельные) или ст. каждые, — 3 недели.

Стихи можете прислать в виде דרוק־זאַכע так как и закрытые письма идут в цензуру.

В ожидании Вашего труда и трудов Ваших друзей остаюсь

Вашим

Л. Перец.

[איבערזעצונג]

מײַן פֿרײַנד.

איך באַצי זיך בשום אופֿן ניט סקעפּטיש צו דער אויסגאַבע; געלט איז פֿאַראַן, הייסט עס, אַז עטלעכע ביכלעך וועלן מיר אָפּדרוקן. די פֿראַגע איז, אויב דאָס געלט וועט זיך אומקערן.

מיר קענען מושווה ווערן מיטן מחבר, וועגן וואָס ער קען שרײַבן, נאָר מיר קענען ניט וויסן, ווי אַזוי ער וועט עס אָנשרײַבן. באַשטעלן אַזוי ווי איר לייגט פֿאָר איז ניט מיגלעך. מיר וואָלטן גערן אָפּגעדרוקט אַן אָביעקטיווע קריטיק פֿון ציוניזם, מיר וועלן גערן דרוקן ידיעות וועגן וויסנשאַפֿטלעכע קאָנגרעסן, אויב די דאָזיקע אַרטיקלען וועלן זײַן געשריבן פּאָפּולער, קלאָר און אינטערעסאַנט. זאָלן זיי אָנשרײַבן, צושיקן, און אויב מיר וועלן אָננעמען, וועלן מיר תיכּף אַרויסשיקן האָנאָראַר. דער עיקר נייטיקן מיר זיך אין אַ וויסנשאַפֿטלעכער און געזעלשאַפֿטלעכער כראָניק וואָס זאָל זײַן געשריבן לעבעדיק און רירעוודיק. דאָס קען מען אַפֿילו באַשטעלן; ס'מאַכט ניט אויס אויב די אָדער אַנדערע נאָטיץ וועט ניט זײַן געדרוקט. דער כראָניקער דאַרף צושטעלן זײַנע נאָטיצן (באַזונדערע) אָדער אַרטיקלען יעדע דרײַ וואָכן.

לידער קענט איר צושיקן ווי דרוק־זאַכע, ווײַל אויך פֿאַרחתמעטע בריוו ווערן צענזורירט.

אין דערוואַרטונג פֿון אײַער אַרבעט און די אַרבעטן פֿון אײַערע פֿרײַנד

פֿאַרבלײַב איך אײַער ל. פּרץ

בריוו נומער 8

צו דוד פּינסקי, בערלין [27סטן יוני 1899]

M. г.

Разсказы получил. Читал, приняты, за исключением אַלטינקע. *Здесь молодых не видно*. Против обвинения в том, что молодые знают только девку и —



водку (?) никто не возражает. Картина кроме того мало мягка. ליבע превосходная вещь. Благодарите Вашей жене — вероятному источнику.

Асигнировано Вам в счет 25 руб. *до* цензуры! —

На днях вышлют.

Л. Перец.

[איבערזעצונג]

חשובֿער הער.

באַקומען די דערציילונגען. געלייענט און אַקצעפּטירט, חוץ דער „אַלטינקע“. דאָ זעט מען ניט די יונגע. קיינער לייקנט ניט די באַשולדיקונג, אַז די יונגע האָבן אין זינען נאָר מיידלעך און משקה. חוץ דעם איז דאָס בילד ווייניק צאַרט. „ליבע“ איז אַן אויסגעצייכנטע זאַך. באַדאַנקט אײַער פֿרוי — וואָס זי איז מסתמא דער מקור.

עס איז אײַך אַסיגנירט געוואָרן נאָך ביז דער צענזור, 25 רובל עד־לחשבון.

די טעג וועט מען אײַך אַרויסשיקן.

ל. פּרץ.

בריוו נומער 9

צו דוד פּינסקי, בערלין [1899]

Друг мой,

Я очень тронут Вашим поступком; но к чему это поведет; Бог с ними.

От Д-ра Эренпрейса я никакого письма не получил, и — не знаю в чем дело.

Если можете напишите мне обстоятельно о самом конгрессе как и о собрании о жаргонной литературе. Чего они хотят?

Я никому в Америку своих услуг не предложил и от никого никаких предложений не получил.

Чего Вы о себе ничего не пишете?

Мне на душе очень и очень не хорошо. И делать нечего и дела плохи и с Люцианом не знаю что делать.

Жена моя приехала из Наленчова и кланяется Вам. Мои поклоны жене.

Ваш Л. Перец.

[איבערזעצונג]

מײַן פֿרײַנד.

איך בין זייער גערירט פֿון אײַער טאַט; נאָר צו וואָס וועט עס פֿירן; גאָט מיט זיי.

פֿון ד״ר ערנפּרײַז * האָב איך ניט באַקומען קיין שום בריוו און איך ווייס ניט, וועגן וואָס ס'האַנדלט זיך.

אויב איר קענט, שרײַבט מיר אָן אויספֿירלעך וועגן דעם קאָנגרעס גופֿא ווי אויך וועגן דער פֿאַרזאַמלונג וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור. וואָס ווילן זיי?

איך האָב קיינעם אין אַמעריקע ניט פֿאָרגעלייגט מײַנע אַרבעטן און איך האָב פֿון קיינעם ניט באַקומען קיין שום פֿאָרשלאָגן.

פֿאַר וואָס שרײַבט איר גאָרניט וועגן זיך?

מיר איז זייער און זייער ביטער אויפֿן האַרצן. ניטאָ וואָס צו טאָן, די געשעפֿטן גייען שלעכט און איך ווייס ניט וואָס צו טאָן מיט לוציאַנען.

מײַן פֿרוי איז געקומען צו פֿאָרן פֿון נאַלענטשעוו. זי לאָזט אײַך גריסן. אַ גרוס פֿאַר אײַער פֿרוי.

אײַער ל. פּרץ.

* מרדכי ערנפּרײַז, העברעיִשער שרײַבער, איצט רבֿ־הכּולל פֿון שוועדן.

Fin-de-siècle blues



בריוו נומער 10

צו דוד פּינסקי, בערלין [1899]

Друг мой,

Я не ответил Вам немедленно на Ваше письмо ибо был два дня болен. Я полагаю, что сотрудничать можем. У нас в Варшаве повольготнее, легче стало. Разузнайте пожалуйста можно ли будет помещать постоянный фельетон: мысли, афоризмы, вопросы и злобы дня, маленькие картинки — одним словом בכל מכל כל. Разсказ у меня готовый. Нельзя ли получить индиферентный, посредственный адрес? — Вы пишете, чтобы я определил сколько, мне ведь теперь очень много нужно. Пусть это будет Вашей заслугой, соглашаюсь на цифру, определенную Вами. — У меня хандра, полнейшая апатия. Болезнь Люциана, бездействие, неудача листков, безучастность среды, все это заело. И теперь не знаю, что с Люцианом будет, בלאַטליך спят непробудным сном, среда пошлая, и если бы не денежный жгучий вопрос, навряд ли я бы собрался с силами написать Вам письмо. Но взяв перо в руки — плачется.

Все потеряно, разбито. Если можете будите меня, קוצעלס а то засну, совершенно. Я убедился, что собрать вокруг себя нет сил, пойти в услужение не могу, и блуждаю одинокая звезда с иронически-глупым хвостом среди разных системов и нигде для меня места нет. — Все надоело, но это сознание может быть началом выздоровления. Мне до сих пор казалось, что вот вот и гром ударит; теперь я знаю, что огонь погас, грома не будет.

Черт знает, что со мной, лицо здорового человека, а внутри что то ноет и ноет и покоя не дает.

Я купаюсь, апетит славный, сплю 14 часов в сутки, а мне все кажется что я умираю, чаще всего — что умер давно отпет и похоронен. Днем я занят для желудка, вечером для души будет — преферанс, оперетты Штрауса, гулянье по Литературной или разговор об экзегетике с Шенгаузом.

Очень может быть, что не сумею писать, что обманываю себя, но попробовать я должен, я хочу. Полдень минул, не дай Вам Бог такого заката . . .

Ваш

Л. Перец.

Не хочу прочесть написанного; разорвал бы письмо. —

[איבערזעצונג]

מײַן פֿרײַנד.

איך האָב אײַך ניט געענטפֿערט תּיכּף אויף אײַער בריוו, ווײַל איך בין געווען קראַנק צוויי טעג. איך מיין, אַז מיר קענען מיטאַרבעטן. בײַ אונדז אין וואַרשע איז געוואָרן פֿרײַער, גרינגער. זײַט אַזוי גוט און דערוויסט זיך, אפשר וועט מען קענען פֿאַרעפֿנטלעכן אַ שטענדיקן פֿעליעטאָן: געדאַנקען, אַפֿאָריזמען, פֿראַגעס און מעניני דיומא, קליינע בילדער, — מיט איין וואָרט בכּל מכּל כּל. די דערציילונג איז בײַ מיר פֿאַרטיק. צי קען מען אפשר באַקומען אַ נייטראַלן, פֿאַרמיטלערישן אַדרעס? איר שרײַבט, אַז איך זאָל באַשטימען וויפֿל, איך דאַרף דאָך איצט האָבן זייער אַ סך. זאָל דאָס זײַן אײַער אויפֿטו. איך שטים אײַן אויף דער סומע וואָס איר וועט באַשטימען. איך בין אין זייער אַ שלעכטער שטימונג, אַ פֿולשטענדיקע אַפּאַטיע! לוציאַנס קראַנקייט, דאָס גאָרניט טאָן, דער דורכפֿאַל מיט די בלעטלעך, די גלײַכגילטיקייט פֿון דער סבֿיבֿה — דאָס האָט מיך צו רעכט געמאַכט. איך ווייס איצט אויך ניט, וואָס עס וועט זײַן מיט לוציאַנען. די בלעטלעך שלאָפֿן מיט גאָר אַ טיפֿן שלאָף, די סבֿיבֿה איז אַ באַנאַלע, און ווען



ניט די ברענענדיקע געלטפֿראַגע, אָסור אויב איך וואָלט זיך אָנגעשטרענגט אָנצושרײַבן אײַך אַ בריוו. אָבער ווי איך האָב גענומען די פּען אין די הענט, ווילט זיך וויינען.

אַלץ איז פֿאַרלאָרן, צעבראָכן. אויב איר קענט, וועקט מיך, קנײַפּט מיך אָדער קיצלט, אַז ניט וועל איך אין גאַנצן אַנטשלאָפֿן ווערן. איך האָב זיך איבערגעצײַגט, אַז עס פֿעלט מיר כּוחות צונויפֿצוזאַמלען מענטשן אַרום זיך, גיין דינען צו אַנדערע קען איך ניט, בלאָנדזשע איך צווישן פֿאַרשיידענע סיסטעמען אַרום אַן אײנזאַמער שטערן מיט אַן איראָניש־נאַרישן עק און עס איז אין ערגעץ ניטאָ פֿאַר מיר קיין פּלאַץ. אַלץ איז נימאס געוואָרן, אָבער דער דאָזיקער באַוווסטזײַן קען ווערן דער אָנהייב פֿון געזונט ווערן. מיר האָט זיך ביז איצט געדוכט, אַז אָט־אָט וועט אָנהייבן דונערן; איצט ווייס איך, אַז דאָס פֿײַער איז פֿאַרלאָשן, קיין דונער וועט ניט קומען.

Waiting for renewed inspiration

דער טײַוול ווייסט וואָס איז מיט מיר. אַ פּנים פֿון אַ געזונטן מענטשן און אינעווייניק טוט וויי און לאָזט ניט צו רו.

איך באָד זיך, האָב אַ גוטן אַפּעטיט, שלאָף 14 שעה אַ מעת־לעת, און דאָך דוכט זיך מיר אַז איך שטאַרב; גאָר אָפֿט דוכט זיך — אַז שוין לאַנג געשטאָרבן און מען האָט מיך מספּיד געווען און באַגראָבן.

בײַ טאָג בין איך פֿאַרנומען פֿאַרן מאָגן, דער אָוונט וועט זײַן פֿאַר דער נשמה — פּרעפֿעראַנס, שטרויס׳ אָפּערעטעס, אַ שפּאַציר איבער דער ליטעראַרישער אַלעע אָדער אַ שמועס מיט שיינהויזן * וועגן עקזעגעטיק.

עס איז מיגלעך, אַז כ׳וועל ניט זײַן בכּוח שרײַבן, אַז איך נאַר זיך, נאָר איך דאַרף פּרוּוון, איך וויל דאָס. דער האַלבער טאָג איז פֿאַרבײַ, זאָל אײַך גאָט היטן פֿון אַזאַ שקיעה . . .

אײַער ל. פּרץ.

איך וויל ניט איבערלייענען וואָס איך האָב אָנגעשריבן; איך וואָלט צעריסן דעם בריוו.

* א. ל. שיינהויז, אַ משׂכּיל, מיטגעאַרבעט אין כּנסת ישׂראל.

בריוו נומער 11

[סוף 1907]

געעהרטע רעדאַקציאָן,

זײַט אַזוי גוט, אויב עס איז מעגליך, און שרײַבט מיר ווער איז „וולאַדעק" דער אויטאָר פֿון ערשטען קונסט־קריטישען אַרטיקעל אין אונזער יתום׳דיגער ליטעראַטור. מאָריס ראָזענפֿעלד איז אין די בעסטע פֿון זײַנע זאַכן קיין כּהן גדול  נ י ש ט ,  קוים אַ משרת׳ל אין בית־המקדש, נאַטירליך — לויט מײַן געשמאַק, אָבער „וולאַדעק" האָט אַרײַנגעוואָרפֿען אַ בינט עכט־קריטישע שטראַהלען אין אונזער קריטיק־קעלער אַרײַן, און איך וואָלט זעהר געוואָלט עפּיס וויסען פֿון דעם, וואָס וועט פֿילליַיכט שטום מאַכן די אייזעל פֿון פּובליציסטיש־קריטישען שטאַל.

מיט אַכטונג י״ל פּרץ

פֿאַרדאָן — דאָס אַרטיקעל הייסט:

מאָריס ראָזענפֿעלד, בלײַפֿעדער־נאָטיצען.*

* געווען געדרוקט אין די האָפֿנונג, נומער 35, ווילנע, 21סטן אָקטאָבער 1907. איבערגעדרוקט אין בוך וולאַדעק אין לעבען און שאַפֿען, רעדאַקטירט פֿון יעפֿים ישורין, נ״י, 1936, זז׳ 338—344.

בריוו נומער 12

צו יעקב אַדלער

[אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו פֿאַר דוד הערמאַנען]

דער אינהאַבער פֿון דאָזיגען בריעף, איז אַ מענש, וואָס האָט זעהר פֿיעל געאָפּפֿערט צוליעב זײַן אידעע, אין וועלכער ער האָט געזעהן זײַן לעבענס־צוועק. ער האָט געוואָלט מאַכען איין עכט יודיש קינסטלעריש טעאַטר, און צוליעב דעם רואינירט זײַן עקאָנאָמישע עקזיסטענץ.

ער איז אַ מענטש מיט טאַלענט און נאָך וויכטיקער — מיט גרויסער ליבע צו דער זאַך. עס איז איהם גאָר נישט געראָטן, ווײַל ער האָט זיך בעוויזען אין אַ שלעכטער צײַט, אין אַ צײַט פֿון פּאָליטישע איבערקעהרענישען מיט מיליטער־שטאַנד. ער פֿאָהרט, זיך צו פֿערפֿאָלקאָמענען אין זײַן פֿאַך, אום צו נעמען זיך צו זײַן אַרבייט, וועלכע ער האַלט פֿאַר גרויס און הייליג, מיט מעהר קראַפֿט און מעהר וויסען.

די אַלע, וואָס ווענען פֿאַר יודישע קולטור און, עאָ איפּסאָ, פֿאַר אַ יודיש טעאַטער, דאַרפֿען איהם העלפֿען, ווײַל העלפֿענדיג איהם, העלפֿען זיי דער זאַך. נאַטירלעך — קינסטלערישע הילף.— וואָס איך קען מיט מײַן אונטערשריפֿט בעשטעטיגען.

יצחק ליבוש פרץ

בריוו נומער 13

[צושריפֿט צו יעקבֿ דינעזאָנס אַ רעקאָמענדיר־בריוו פֿאַר דוד הערמאַנען צו יעקבֿ אַדלערן, וואַרשע, 12טן אָקטאָבער 1908]

גם אני בחלומי, —

איך רעכען אויף זיכער, אַז איהר קענט צו נוץ קומען הערמאַנען און — הערמאַן אײַך. מען זאָגט, אַז איהר זענט דער קעניג פֿון די יודישע שוישפּיעלער און פֿאַר אַ קעניג עבען פּאַסט גוטס צו טהון. איהר דאַרפֿט עס, און דעריבער רעכען איך, אַז איהר וועט עס טהון. און איך, נאַטירליך, אומבעקאַנטער ווײַזע, בעט אײַך זעהר, איהר זאָלט עס טוהן! אַ מענטש מיט אַ מענטש טרעפֿט זיך, און וואָס קען אײַך שאַטען, אַז איהר וועט האָבען בײַ אַ יודישען שרײַבער אַ חובֿ?

מיט אַכטונג

י״ל פרץ

בריוו נומער 14

[אַדרעסאַט?]

[1890]

מײַנע ליבע,

איך קום נאָר וואָס פֿון מײַן מינוטיקן שפּאַציר אַ פֿרישער, אַ לעבעדיקער, איך בין מיט אַ מאָל געזונט געוואָרן, אַזוי גוט האָט געווירקט אויף מיר דער ערשטער שניי, וואָס איז הײַנט געפֿאַלן אויף מיר. די געזונטע לופֿט האָב איך ניט נאָר געשעפּט נאָר געגעסן און געקוויקט זיך ווי מיט אַ טײַערן מאכל.

איך פֿיל זיך אַזוי גוט, אַז נאָך הײַנט וועל איך אָנהייבן שרײַבן מײַן „אויב ניט נאָך העכער", וואָס איך האָב אײַך דערציילט. איך האָב אויך דערציילט ספּעקטאָרן, סטראַשעט ער מיך, אַז אויב איך וועל די חסידישע מעשׂה אָפּלייגן און וועל ניט אָנשרײַבן אין צענטן פּאַווילאָן, וועט ער מיך אָוועקוואַרפֿן און וועט בעטן מען זאָל אים זעצן מיט אַנדערע אַרעסטאַנטן. וואָס וועל איך דאַן אַליין טון?

ספּעקטאָר האָט ווי יעדן טאָג אויך הײַנט מיט מיר צוזאַמען שפּאַצירט, אַפֿילו דאָ האָט ער אויך צײַט און אײַלט זיך ניט, איך האָב געוואָלט מאַכן גיכע טריט, נאָר די זשאַנדאַרמען דערלויבן ניט לויפֿן פֿרײַער, און אַזוי מוז איך גיין לאַנגזאַם גלײַך מיט ספּעקטאָרן און איך קוק אויף אים ווי אויף זײַן האַלב גרויען קאָפּ פֿאַלט דער ערשטער שניי, איך קוק אויף זײַן גוטיכט און געדריקטן בליק און עס ווײַזט זיך מיר אויס, אַז איך זע פֿאַר זיך אַ לעבעדיקן שעווטשענקאָ, אָט דער זעלבער אוקראַיִנישער פּאָעט שעווטשענקאָ, וועלכער איז אונדז באַקאַנט פֿון די בילדער, ווו ער איז אויסגעמאָלט אין אַ פּעלץ, אין אַ גרויסן קאָלנער, מיט אַ גרויס פֿוטערן היטל, מיט אַראָפּגעלאָזטע וואָנסעס און מיט טיפֿע פֿאַר־טראַכטע אויגן.

מיר גייען צוזאַמען טריט בײַ טריט, דער שניי באַדעקט אונדז וואָס מער און מער. און יעדעס שנייעלע, וואָס צעגיסט זיך און צעשיט זיך אויף אונדזערע קליידער טוט מיר באַנג, איך וויל זיי ברענגען גאַנץ צו אונדז אין קאַמער אַרײַן.



ווען איך בין איצטער פֿרײַ, וואָלט איך בײַ יעדן וועטער פֿאַרבראַכט נאָר אין דרויסן אויף דער לופֿט אונטער אַ גרויס שטיק הימל, איך האָב פֿײַנט געקראָגן די שטוב מיט די ווענט און טירן, זיי שטערן די פֿרײַהייט. ווען קיינער וואָלט מיר ניט געשטערט, וואָלט איך איצטער אַוועק צו פֿוס קיין אָטוואָצק און וואָלט געשפּאַצירט אין די סאָסנאָווע וועלדער, וואָס ציִען זיך ביז וואַרשע.

אוי, ווען וועט שוין נעמען אַן ענדע, איך זאָל שוין קאָנען לעבן אַזוי ווי איך וויל! צו לאַנג בין איך פֿאַרשלאָסן, צי וועל איך אַ מאָל דערלעבן מײַן באַפֿרײַונג?

[איבערגעזעצט פֿון פּויליש. געדרוקט אין ספּעקטאָרס זכרונות וועגן צענטן פּאַווילאָן. פֿ״גל ג. אײַזנער, ייִוואָ־בלעטער, V (1933), זז׳ 353—361 און מ. י. פֿרייד, ימים ושנים, II, זז׳ 169—170.]

בריוו נומער 15

[1890]

צו אַ וואָלאָזשינער ישיבֿה־בחור

אדוני! שיריו לא יבואו. למען הדפיס איזה שיר נחוץ למצוא בו: 1) רעיון ורגש חדש אשר יעורר את הלב או את המוח לאיזה תכלית! 2) אשר הרעיון והרגש יהיו מלובשים בשפה נקיה וצחה, בלשון בני אדם ובלי כל עקמומיות בשביל המנגינה ומלה שוה; 3) ואשר תהיה צורתו צורת שיר. כל אלה נעדרו בשיריו. יש בהם אך קלות העט ולא יותר. סימן כשרון לעתיד לבוא.

מוקירו

ל. פרץ

[הדואר, נ״י, XXV, 14 (ז׳ אָדר א׳, תש״ו.)]

[איבערזעצונג]

מײַן הער! אײַערע לידער וועלן ניט גיין. כּדי אַ ליד זאָל געדרוקט ווערן דאַרף אין אים זיך געפֿינען: 1) אַ נײַער געדאַנק און געפֿיל וואָס זאָל אויפֿוועקן דאָס האַרץ אָדער דעם מוח צו עפּעס אַ ציל; 2) דער געדאַנק און דאָס געפֿיל זאָלן זײַן אָנגעטאָן אין אַ ריינער און צאַרטער שפּראַך, אין אַ מענטשישער שפּראַך און אָן שום פֿאַרקרימענישן לשם ריטעם און גראַם, 3) אַז עס זאָל האָבן אַ פּנים פֿון אַ ליד. דאָס אַלץ פֿעלט אין אײַערע לידער. פֿאַראַן אין זיי נאָר אַ גרינגקייט פֿון דער פֿעדער און מער גאָרנישט. אַ סימן פֿון טאַלענט אויף להבא.

מיט אַכטונג ל. פרץ

איין אָפֿענער בריעף

בריוו נומער 16

אין גיכסטען ווערד 25 יאָהר זײַט אונזער חבֿר יעקבֿ דינעזאָהן האָט אָנגעהויבען שרײַבען.

לכּבֿוד דעם דאָזיגען יובילעאום איז בעשלאָסען געוואָרען בײַ די וואַרשאַווער יודישע ליטעראַטען אַרויסצוגעבען אַ קליינעם זאַמעל־בוך אין זשאַרגאָן; אַ קליינעם אָבער זעהר אַ שעהנעם, וואָס זאָל דיענען אַלס אַ קליינער צייכען פֿון אונזער גרויסע ליעבע צו דעם פֿאָלקס־שרײַבער.

דעם אונטערגעשריבענעם האָט מען איבערגעגעבען די רעדאַקציע פֿון דעם דאָזיגען זאַמעל־בוך. מען בעט די שרײַבער, וועלכע שעצען דעם יובילאַר דינעזאָהן, זיי זאָלען וואָס צו גיכסטען צו שיקען ליטעראַרישע זאַכען ווי מעגליך קליין אין פֿאָרמאַט אָבער רײַך אין אינהאַלט, לויט די אַדרעסע:

י. ל. פרץ

וואַרשע, צעגליאַנאַ 1.

[יודישע פֿאָלקסצײַטונג, נומ׳ 6, קראָקע, 4טן פֿעברואַר, 1903.]

## פּרצעס שטעלונג צו יִדיש אין 1891

אין מײַן זאַמלונג ליטעראַרישע בריוו וואָס ס'האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אין 1925 אַרויס־צופֿירן פֿון סאָוועט־רוסלאַנד קיין ארץ־ישראל, געפֿינט זיך אַ בריוו וואָס פּרץ האָט 1891 געשריבן צום העברעיִש־יִדישן שריפֿטשטעלער יכּנה״ז (פּסעוודאָנים פֿון ישעיה ניסן הכּהן הרי זהב = גאָלדבערג). יכּנה״ז, ווי ער האָט מיר אַליין דערציילט, האָט געשיקט פּרצן, פֿאַר זײַנע אויסגאַבעס, אַ זאַמלונג לידער פֿון דעם יונגן דיכטער, דעם דעמאָלט נאָך אומבאַקאַנטן אַברהם רייזען וואָס האָט געוווינט מיט יכּנה״זן אין שטעטל קוידאַנאָווע. ווי באַלד יכּנה״ז האָט געשיקט יִדישע לידער, האָט ער אויך דעם בײַגעלייגטן רעקאָמענדיר־בריוו צו פּרצן געשריבן אויף יִדיש. האָט אים אָבער פּרץ געענטפֿערט אויף העברעיִש, און אָט איז דער פֿולער טעקסט פֿון זײַן פּאָסטקאַרטל:

Господину И. Н. Гольдбергу, Койданово

חמתי עליך, אחי הסופר, כי כתבת אלי ז'ארגאָן. הז'ארגאָן אך כלי הוא לי להפיץ מעינותי חוצה ולא תכלית. תכלית ישראל — שפת עבר, ואתה הלא סופר עברי הנך. אני כותב ז'ארגאָן אך לאלה, אשר לא אדע אם מבינים הם עברית. בראותי את מכתבך נזכרתי כי כתבת מכתבים מאמריקא להיפ״ב [=יודישע פֿאָלקס ביבליאָטעק] של שלום עליכם ע״כ סופר גם ז'ארגאָני הנך והנני מחלה פניך לשלוח לי מטובך. אם כי כבר הראשון מלא, הלא לפעמים מוציאים את הישן מבינונית בשביל החדש מעידית, וגם אני קרב עתה להוצאת השני, כי כבר הנני בסוף הדפסת הראשון. בלעדי זאת, כאשר ראית בהמודעה יהיו גם ספרים שונים קטנים וגדולים בין המצרים של שני הספרים הגדולים. עוד זאת ארשה לי לבקש מאתך למצוא לי סוכן הגון בקאָידאנאווא. אני נותן ראבאט למוכרים לא פחות מעשר עקזעמפלארין 15, ולא פחות מעשרים עקז. 20 פּראָצענט. אולי יצליח לזה ה' רייזין? במשך חדש ימים ישלח הספר לקוראיו. כותב אני מכתב פתוח כי ההוצאות מרבות מהכיל. והנני מוקירו ואחכה לתשובתו בצירוף.

ל. פרץ

ווארשוי, כ״ה אדר תרנ״א.

[איבערזעצונג]

ה' י. נ. גאָלדבערג, קוידאַנאָווע

איך בין בייז אויף דיר, ברודער שריפֿטשטעלער, וואָס דו האָסט מיר געשריבן זשאַרגאָן. דער זשאַרגאָן איז מיר נאָר אַ געפֿעס צו פֿאַרשפּרייטן מײַנע געדאַנקען עפֿנטלעך, אָבער ניט קיין תּכלית. דער תּכלית פֿאַר יִדן איז העברעיִש, און דו ביסט דאָך אַ העברעיִשער שרײַבער. איך שרײַב זשאַרגאָן נאָר צו די וואָס איך ווייס ניט, צי זיי פֿאַרשטייען העברעיִש. ווענדיק דײַן בריוו האָב איך זיך דערמאָנט, אַז דו האָסט געשריבן „בריוו פֿון אַמעריקע“ אין שלום־עליכמס יודישע פֿאָלקס־ביבליאָטעק, אַלזאָ ביסטו דאָך אויך אַ זשאַרגאָנישער שרײַבער, בעט איך דיך, דו זאָלסט מיר שיקן פֿון דײַן גוטס. דער ערשטער [בוך יודישע ביבליאָטעק] איז שוין פֿאַר פֿול, אָבער ס'טרעפֿט אַ מאָל, אַז מען נעמט אַרויס אַלטע מיטלמעסיקייט צוליב נײַע בעסטע, און איך טרעט אויך צו אַרויסגעבן דעם צווייטן [זאַמלבוך], ווערעם איך האַלט שוין בײַם ענדיקן דרוקן דעם ערשטן. אַחוץ דעם, ווי דו האָסט געזען אין דער מודעה, וועלן זײַן צווישן איין גרויסן בוך און צווייטן פֿאַרשיידענע ביכער קליינע און גרויסע. נאָך איינס דערלויב איך זיך בײַ דיר צו בעטן, צו געפֿינען מיר אַן ערלעכן אַגענט אין קוידאַנאָווע. איך גיב ראַבאַט פֿאַר די וועלכע פֿאַרקויפֿן ניט ווייניקער פֿון 10 עקזעמפּלאַרן 15, און אויב ניט ווייניקער פֿון צוואַנציק עקז' 20 פּראָצענט. אפֿשר פּאַסט פֿאַר דעם ה' רייזען? צײַט אַ חודש וועט דער בוך אַרויסגעשיקט ווערן צו זײַנע לייענערס. איך שרײַב אַ פּאָסטקאַרטל, ווײַל די הוצאות זײַנען גרעסער ווי איך קען אויסהאַלטן. מיט אַכטונג און וואַרטנדיק אויף אַן ענטפֿער מיט בײַגעלייגטס,

ל. פּרץ

וואַרשע, כ״ה אדר, תּרנ״א [מאַרץ 1891].

מיכל ראַבינאָוויטש



## פּרץ אויף אַ געהיימער פֿאַרזאַמלונג אין 1898 *

דאָס איז געווען אין יאָר 1898. די יִדישע אַגיטאַטאָרן פֿון דער פּפּ״ס (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי) פֿון וואַרשע האָבן באַשלאָסן צו פֿאַררופֿן אַן אַרבעטער־פֿאַרזאַמלונג און אײַנצולאַדן פּרצן, ער זאָל עפּעס לייענען. דעם פֿאָרשלאָג האָט געמאַכט שאָול דעגענפּיש [1] — איינער פֿון די אינטעליגענטסטע, פֿעיִקסטע און טעטיקסטע אַגיטאַטאָרן.

„צי קען מען אים גאָר קריגן?“ האָבן די איבעריקע אַגיטאַטאָרן געפֿרעגט.

„עס איז דאָ אַ פּערזאָן וועלכע קען אים ברענגען“, האָט דעגענפּיש דערקלערט.

און מיט אומגעדולד האָט מען געוואַרט אויף אַ תּשובֿה פֿון דער דאָזיקער פּערזאָן. אַ געוויסן טאָג איז אָנגעקומען די פֿריילעכע בשׂורה, אַז פּרץ האָט אײַנגעשטימט.

די פֿאַרזאַמלונג איז באַשטימט געוואָרן אויף אַ שבת צו נאַכטס.

פּרץ האָט געבעטן, אַז דעם טאָג פֿון דער פֿאַרזאַמלונג זאָל מען אים קומען דערמאָנען, אַז ער דאַרף לייענען. דאָס שליחות האָט מען אַרויפֿגעלייגט אויף דעם שרײַבער פֿון די שורות.

עס איז געווען אַ רעגנדיקער ווינטערטאָג. נאָך מיטאָג האָב איך אָנגעקלונגען אין פּרצעס וווינונג אויף צעגלאַנע גאַס נומער 1. אַ יונגער־מאַן האָט מיר געעפֿנט די טיר (שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז געווען דעם דיכטערס איינציקער זון) און בײַ מיר געפֿרעגט אויף פּויליש, וואָס איך דאַרף.

— איך וויל זען ה' פּרצן, האָב איך אים דערקלערט, אויך אויף פּויליש.

— ווער זײַט איר?

איך האָב זיך געפֿונען אין אַ פֿאַרלעגנהייט.

— ה' פּרצן איז מײַן נאָמען ניט באַקאַנט. ווען איך וועל אים אָבער זאָגן צוליב וואָס איך בין געקומען, וועט ער שוין וויסן.

דער יונגער־מאַן איז פֿאַרשוווּנדן, און אין אַ ווײַלע אַרום איז ער צוריקגעקומען און מיך געבעטן גיין מיט אים. ער האָט מיך אַרײַנגעפֿירט אין אַ גרויסן צימער, וווּ אַרום אַ טיש זײַנען געזעסן דער דיכטער, וועלכן איך האָב געקענט פֿון זען, עטלעכע עלטערע מענער און צוויי יונגע בחורימלעך. איינער פֿון די לעצטע האָט געהאַלטן אין מיטן פֿאַרלייענען עפּעס.

פּרץ האָט מיר געגעבן שלום־עליכם און געפֿרעגט וואָס איך פֿאַרלאַנג. איך האָב געענטפֿערט, אַז איך וויל מיט איםריידן אונטער פֿיר אויגן. ער האָט זיך אַנטשולדיקט און איז מיט מיר אַרויס אין קאָרידאָר.

— איך בין אײַך געקומען דערמאַנען, אַז איר דאַרפֿט הײַנט פֿאַרלייענען אויף קופּיעצקע גאַס נומער 5.[2]

— הײַנט איז עס? זייער גוט. איך דאַנק אײַך, וואָס איר האָט זיך מטריח געווען, אָבער . . .

---

* איבערגעדרוקט, מיט דעם מחבּרס אייגענע הוספֿות און תּיקונים, פֿון פֿאָרווערטס פֿון 9טן אַפּריל 1915.

[1] שאָול דעגענפּיש איז שפּעטער געקומען קיין אַמעריקע און דאָ ווײַטער געווען אַקטיוו אין דער פּפּ״סישער גרופּע. ער האָט דאָ אָנגענומען דעם נאָמען ראָבערט בוימערט — לויט דעם נאָמען פֿון הויפּטהעלד פֿון ג. הויפּטמאַנס די וועבערס. די היגע גרופּע פּפּ״ס האָט אַדורכגעפֿירט אַ פֿאָרשטעלונג פֿון די וועבערס (רעזשיסירט האָט יעקבֿ גאָרדין); דעגענפּיש האָט געשפּילט די ראָלע פֿון הויפּטהעלד און ער האָט זיך דערמיט אַזוי איבערגענומען, אַז ער האָט אויף שטענדיק געביטן זײַן נאָמען אויף ראָבערט בוימערט.

[2] דאָס איז געווען אַ פֿאַרקאָנספּירירטע דירה פֿון די דרײַ שוועסטער ברוזעל. זיי האָבן אַרויסבאַקומען אַ קאָנצעסיע צו פֿירן דאָרטן אַ פּריוואַטע שול פֿאַר קינדער. לפֿנים פֿלעגט דאָרטן קומען אַ לערער פֿון רוסיש און מען פֿלעגט טייל מאָל ברענגען קינדער אויך. פֿאַקטיש איז עס אָבער געווען אַ דירה, וווּ עס פֿלעגן יעדע וואָך סיסטעמאַטיש אָפּגעהאַלטן ווערן אומלעגאַלע פֿאַרזאַמלונגען. אַלע דרײַ שוועסטער זײַנען שפּעטער געקומען קיין אַמעריקע.

ער האָט זיך פֿאַרטראַכט און צוגעגעבן:

— וואָס טוט מען אָבער, איך האָב ניט וואָס צו לעזן.

און זעענדיק מײַן חידוש, האָט ער געגעבן צו פֿאַרשטיין:

— פֿאַרשטייט איר מיך, אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון אַרבעטערס דאַרף מען דאָך פֿאָר־לעזן עפּעס פּאַסיקס. האָב איך אויפֿגעשריבן אַ מעשהלע מיט אַ וועבער[2] געפֿינט עס זיך אָבער בײַם צענזאָר, און אַזוי ווי הײַנט איז שבת, ווייס איך ניט, צי איך וועל עס קענען אַרויסקריגן.

— וועט איר לעזן עפּעס אַנדערש.

— אַ ברירה וועל איך האָבן? איך וואָלט אָבער זייער וועלן פֿאָרלעזן דאָס מעשהלע.

— אָבער איר וועט דאָך קומען; עס וואַרטן אַ פּאָר הונדערט אַרבעטערס אײַך הײַנט צו הערן לעזן.

— קיין עין הרע... ווו האָט איר זיי שוין צוזאַמענגעקליבן?

אויף דעם דיכטערס שיינעם, סימפּאַטישן פּנים האָט זיך באַוויזן אַ גליקלעכער שמייכל.

— מען קלײַבט זיך שוין אויף דעם הײַנטיקן יום־טובֿ זינט עטלעכע טעג.

— גריסט זיי אַלעמען אין מײַן נאָמען, האָט פּרץ מיר וואַרעם געדריקט די האַנט.

דער גרויסער צימער אויף קופּיעצקע גאַס 5 איז געווען געפּאַקט מיט אַרבעטערס פֿון פֿאַרשיידענעם עלטער. דער עיקר זײַנען דאָרטן געווען רעפּרעזענטירט די קאַסטן־מאַכערס און סטאָליאַרעס — ייִדן שוין אין די עלטערע יאָרן. טייל פֿון זיי זײַנען שוין געווען זיידעס. עס זײַנען אויך געווען פֿיל אַרבעטערינס. די וואָס האָבן שוין ניט געקענט אַרײַן אין דעם צימער זײַנען געבליבן אין דער צווייטער שטוב וועלכע איז אויך געווען איבער פֿול. אויף דער גאַס איז דאָס מאָל געווען אַרויסגעשטעלט אַ טאָפּעלע וואַך. אַלע מיטלען פֿון אָפּגעהיטנקייט זײַנען אָנגעווענדט געוואָרן, אַז אין פֿאַל די פּאָליציי זאָל אַנטדעקן די פֿאַרזאַמלונג, זאָל פּרץ ניט אַרײַנפֿאַלן.

צו דער באַשטימטער שעה איז פּרץ געקומען. מיט שטראַלנדיקע בליקן און מיט אַ ליבלעכן שמייכל האָט ער באַגריסט די פֿאַרזאַמלטע. זײַן בליק האָט זיך צום מערסטן אָפּ־געשטעלט אויף די עלטערע ייִדן.

דער פֿאָרזיצער האָט געזאָגט עטלעכע ווערטער וועגן דעם גאַסט וועלכער איז אויפֿגענומען געוואָרן מיט אַ דונער אַפּלאָדיסמענטן, און באַלד האָט פּרץ גענומען לייענען.

ער האָט דאָס זײַניקע אויסגעפֿירט... ער האָט געלייענט דאָס מעשהלע וועגן דעם וועבער און נאָך אַנדערע זאַכן. דער עולם האָט אים פּשוט ניט געוואָלט אָפּלאָזן.

ווען ער האָט געענדיקט האָט ווידער אָפּגעהילכט אַ דונער פֿון אַפּלאָדיסמענטן. עס האָבן געשטראַלט די פּנימער פֿון די צוהערערס און עס האָט געשטראַלט דאָס פּנים פֿון דעם דיכטער.

דינס יענעם שבת צו נאַכט פֿלעגט דער פֿאַרשטאָרבענער דיכטער זײַן אַן אָפֿטער גאַסט אויף געהיימע אַרבעטער־פֿאַרזאַמלונגען. אויף איינער אַזאַ פֿאַרזאַמלונג איז ער אין אַ יאָר אַרום אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט מ. ספּעקטאָרן.

ל ע אָ ן  ג אָ ט ל י ב

## זכרונות וועגן פּרצעס באַציִונגען מיט ייִדישע פּעפּעסאָווצעס

משה קויפֿמאַן, מער באַקאַנט אונטער זײַן פּאַרטיי־נאָמען משה מעזריטשער, האָט אין יאָר 1933 פֿאַרעפֿנטלעכט זײַנע זכרונות וועגן דעם „אָנהייב פֿון דער ייִדישער אַרבעט אין פּפּ״ס".[1] עטלעכע פֿאַקטן וועגן פּרצן ווערן דאָ געבראַכט פֿון זײַנע זכרונות.

[2] צי איז דאָס די דערציילונג די וועבער־ליבע, וואָס פּרץ האָט 1897 געדרוקט אונטערן פּסעוודאָנים „פּלאי" אין אַמעריקע?

[1] Mojżesz Kaufman (Mojsze Mezryczer), "Początki roboty żydowskiej P.P.S.", *Niepodległość*, VII, zeszyt 3 (17), 1933, pp. 335—350.



אַ סאָציאַליסטקע ברוזעל האָט געהאַט אויף קופּיעצקע גאַס אַ גרויסע דירה וואָס איז געוואָרן דער „צענטער פֿון די ערשטע ייִדישע סאָציאַליסטן אין וואַרשע". דאָרטן „פֿלעגן פֿאָרקומען פֿאַרזאַמלונגען און רעפֿעראַטן. פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגן אַהין קומען ייִדישע שרײַבערס, ווי י. ל. פּרץ, מ. ספּעקטאָר, דוד פּינסקי, וועלכע האָבן פֿאַר די ערשטע ייִדישע סאָציאַליסטן פֿאָר־געלייענט זייערע ניט־געדרוקטע ווערק" (ז' 338).

אין יאָר 1899 זײַנען אין וואַרשע פֿאָרגעקומען סטרײַקן פֿון ייִדישע אַרבעטערס, וואָס האָבן זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ נצחון. „נאָך די גרויסע סטרײַקן האָט די ייִדישע אָרגאַניזאַציע פֿון פּפּ״ס געוואָלט צונויפֿרופֿן אַ גרויסע פֿאַרזאַמלונג פֿון די אַלע וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער סטרײַקאַקציע. זי האָט פֿאַר דעם צוועק געדונגען אַ גרויסן חתונה־זאַל אויף פּאַוויע 38, כּלומרשט פֿאַר תּנאָים. געזאָלט האָט דאָס פֿאָרקומען אין די ערשטע טעג פֿון חודש יולי. דער „חתן" האָט געזאָלט זײַן מענדל רובינשטיין („מיכלזאָן") און די „כּלה" — ליבע ברוזעל. מען האָט באַ־קומען פֿון דער פּאָליציי אַ דערלויבעניש אויף די תּנאָים. מען האָט אויך פֿאַרבעטן די צוויי באַוווּסטע ייִדישע ליטעראַטן פּרץ און ספּעקטאָר (זיי זײַנען דעמאָלט געווען סימפּאַטיקערס פֿון דער ייִדישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג). אין דעם באַשטימטן אָוונט, ווען די געסט זײַנען זיך צונויפֿגעקומען, האָבן זיי געפֿונען שיין געדעקטע טישן, אַ רײַכן בופֿעט מיט שפּײַז, בײַ וועלכן עס האָבן זיך געפּאָרעט די דרײַ שוועסטער קאָסאָוויטש. אין אַ געפּאַקטן זאַל, אין בײַזײַן פֿון עטלעכע הונדערט מענטשן (אַ סך האָבן געמוזט אַוועקגיין, ווײַל עס איז ניט געווען קיין פּלאַץ), האָט דער „חתן" רובינשטיין געלייענט אַ רעפֿעראַט. נאָך אים האָבן די ליטעראַטן פֿאָרגעלייענט זייערע ווערק וואָס זײַנען נאָך ניט געווען געדרוקט און וואָס האָבן זיך אַרײַנגעפּאַסט אין די סאָציאַליסטישע „תּנאָים". פּרץ האָט געלייענט זײַן „בעזעם" און ספּעקטאָר „אַ סטרײַק פֿון קבצנים". עס איז אויך געווען אַ קאָנצערטטייל, דעקלאַמאַציעס, געזאַנג און שפּילן. די דאָזיקע פֿאַרזאַמלונג האָט אַרויסגערופֿן אַ סענסאַציע בײַ דער גאַנצער ייִדישער פּראָלעטאַרישער באַ־פֿעלקערונג. די פּאָליציי האָט זיך דערוווּסט וועגן דער גאַנצער קאָמבינאַציע און קורץ נאָך דעם אַרעסטירט פּרצן און ספּעקטאָרן" (ז' 349).

וועגן דעם דאָזיקן אַרעסט דערציילן: מרדכי ספּעקטאָר אין זײַן ביכל: מיט י. ל. פּרץ אין פּעסטונג, אָדעס, 1919, 80 זײַטן, איבערגעדרוקט אין צוקונפֿט אין יאָר 1922; אַבֿרהם רייזען, עפּיזאָדן פֿון מײַן לעבן, ווילנע, 1929, I, קאַפּ' 17 און 18; גוסטאַוו אײַזנער, „י. ל. פּרצעס אַרעסט אין 1899", ייִוואָ־בלעטער, V (1933), זז' 353—361 (לויט די געדרוקטע מאַטעריאַלן פֿון דער פּפּ״ס) און ב. מיכאַלעוויטש אין זײַנע זכרונות פֿון אַ ייִדישן סאָציאַליסט, וואַרשע, 1921.

י. ש.

## נ. סאָקאָלאָוו צו פּרצעס 25־יאָריקן יובֿיליי

אין 1901 האָט מען אָפּגעריכט דעם 25־יאָריקן יובֿל פֿון פּרצעס שאַפֿן. אין דער איזראַעליטאַ (1901, נומ' 1), האָט נ. סאָקאָלאָוו פֿאַרעפֿנטלעכט אַ גרעסערן אַרטיקל וועגן יובֿילאַר, פֿון וועלכן מיר ברענגען דאָ דעם אויסצוג:

> אַ לעבעדיקער גײַסט, פֿלינק און אימפּולסיוו, פֿאַראייניקט ער אין זיך טיף אײַנגע־בוירענעם חוש פֿאַר קונסט און אינספּיראַציע, וואָס זײַנען ניט נאָר באַלאַנסירט מיט אַ מאָס, נאָר אויך האַרציק און סוביעקטיוו. זײַן אַבסערוויר־פֿעיִקייט איז זייער אַן אײדעלע, די פֿאָרעם אַן אייגנאַרטיקע, דער שוווּנג ווײַט איבערן דורכשניט און רעכנט זיך ניט מיט די פֿאָדערונגען פֿון באַנאַלע פֿאָרמען אָדער מיט פֿאָדערונגען צו זײַן פֿאַר־שטענדלעך. דאָס זײַנען יענע שטריכן וואָס כאַראַקטעריזירן אַגבֿ אויך דעם מענטשן לעאָן פּרץ.

וועגן דער פֿײַערונג פֿון פּרצעס יובֿיליי איז אין דעם זעלבן זשורנאַל פֿאַראַן אַ פּרטימ־דיקער באַריכט (1901, נומ' 18).

## פּרץ און סאָקאָלאָוו

אין 1902 איז געוואָרן 25 יאָר ווי סאָקאָלאָוו האָט אָנגעהויבן זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט. ס׳איז געשאַפֿן געוואָרן אַ קאָמיטעט צו פּראַווען דעם יובילײ, וווהין ס׳זײַנען אַרײַן צווישן אַנדערע פּרץ און פֿרישמאַן. די פֿײַערונג האָט זיך פֿאַרצויגן ביז פֿרילינג 1904. זי איז פֿאָרגעקומען זונטאָג, ד׳ ניסן, תּרסד, וואָס דאָס איז, לויט דער אײראָפּעיִשער דאַטע, דער 20סטער מאַרץ 1904.

די פּראָגראַם פֿון דער פֿײַערונג האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ תּפֿילת־שבת אין דער טלאָמאַצקער שול, צו וועלכער עס זײַנען פֿאַרבעטן געוואָרן דער יובילײ־קאָמיטעט מיטן יובילאַר; צווישן די זײַנען פֿאַרטײלט געוואָרן יענעם שבת אַלע עליות, מיט שלישי פֿאַר דעם יובילאַר. צו מאָרגנס, זונטאָג, דעם 20סטן מאַרץ, האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אין דעם יובילאַרס הויז דער גאַנצער קאָמיטעט און געסט, און די פֿײַערונג האָט זיך אָפֿיציעל געעפֿנט מיט איבערגעבן סאָקאָלאָוון אַ פּראַכט־אויסגאַבע פֿון אַ באַנד כּתבֿים נבֿחרים און אַ ספֿר היובֿל. דערנאָך זײַנען געקומען די ברכות און די מתּנות פֿון די פֿאַרשיידענע דעלעגאַציעס און יחידים. פּרץ, דינעזאָן און פֿרישמאַן האָבן אים איבערגעגעבן אַ גאָלדענע פּען מיט אַן אײַנשריפֿט: „ה׳ נ. סאָקאָלאָוון פֿון זײַנע חבֿרים די ייִדישע שרײַבערס אין וואַרשע״. עס זײַנען אויך געקומען דעלעגאַציעס מחוץ לעיר, פֿון לאָדזש, ווילנע, ביאַליסטאָק א״אַ.

אין אָוונט איז געגעבן געוואָרן אַ באַנקעט, וועלכער איז צוליב פֿאַרשיידענע סיבות באַגרעניצט געוואָרן צו 250 געסט. פּרץ און פֿרישמאַן זײַנען באַשטימט געוואָרן צו פֿאָרן ברענגען סאָקאָלאָוון און זײַן בת־בית אין אַ ספּעציעלער קאַרעטע. בײַ זייער אָנקומען האָבן די ייִדישע שרײַבערס זיך גרופּירט אין צוויי שורות בײַם אַרײַנגאַנג, ווי אַ מין ערנוואַך. נאָך דעם ווי מען האָט זיך משׂמח געווען בײַ געדעקטע טישן האָבן זיך אויף ס׳נײַ אָנגעהויבן די ברכות און רעדעס. אָט איז פּרצעס רעדע, ווי זי ווערט איבערגעגעבן אינעם אָפֿיציעלן באַריכט:[1]

„פֿאַר אונדז שטייט דער גענעראַל פֿון דער העברעיִשער ליטעראַטור. דער שטייגער פֿון דער וועלט איז, אַז אַ וועלנער דערגרייכט די מדרגה פֿון אַ הויכן אָפֿיציר אין איינעם פֿון די צוויי אופֿנים: דורך זכות־אָבֿות און יחוס, וואָס ער שטאַמט פֿון אַן אַריסטאָקראַטישער און אָפֿיצירישער משפּחה, אָדער דורך שווער אָנשטרענגען זיך און אויסצייכענען זיך במשך פֿון אַ סך יאָרן. אַ הויכער אָפֿיציר פֿון דעם צווייטן מין דערשלאָגט זיך געוויינטלעך צו אַזאַ שטעלע בלויז אין זײַנע עלטערע יאָרן. סאָקאָלאָוו האָט זיך דערשלאָגן צו דער שטעלע פֿון אַ הויפּט־קאָמאַנדיר פֿון דער העברעיִשער ליטעראַטור אַ דאַנק זײַן אָנגעשטרענגטער און איבערגעגעבנער אַרבעט. און נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז ער איז נאָך אין זײַנע בעסטע יאָרן, מוזן מיר באַוווּנדערן זײַן אויסערגעוויינטלעכן טאַלענט און זײַן געוואַלדיקע ענערגיע. איר האָט גאָר קיין באַגריף ניט, רבותי, וועגן די שוועריקייטן און שטערענישן, אין וועלכע עס שטויסט זיך אָן דער ייִדישער שרײַבער ביז עס גראָט אים צו דערשלאָגן זיך צו אַ פּאָזיציע, און ווער רעדט שוין פֿון אַזאַ פּאָזיציע ווי ה׳ סאָקאָלאָוו האַלט אָן הײַנט צו טאָג. און צו זײַן אַ רעדאַקטאָר בײַ ייִדן, מײַנט איר, איז אַ קלייניקייט? לאָזט מיך אײַך דערציילן אַ מעשׂהלע וואָס האָט זיך פֿאַרלאָפֿן. אין איינער פֿון מײַנע נסיעות אין דער שווייץ קום איך אַ מאָל אָן אויף אַ קליינער סטאַנציע און פֿאָר צו מיט אַ וואָגן צו דער אַכסניא. קומענדיק אין דער אַכסניא אַרײַן זע איך, אַז דער קעלנער איז זייער ענלעך צום בעל־עגלה וואָס האָט מיך צוגעפֿירט. אָבער שוין גאָר פֿאַרחידושט האָב איך זיך, ווען איך האָב אָנגעקוקט דעם בעל־אַכסניא גופֿא, ער אַליין איז שטאַרק ענלעך צום בעל־עגלה און צום קעלנער. „איר זענט אַלע דרײַ ברידער?״ האָב איך געפֿרעגט. „ניין, ענטפֿערט דער בעל־אַכסניא מיט איידלקייט: איך אַליין בין אי דער בעל־עגלה, אי דער קעלנער, אי דער בעל־הבית״. אַזוי איז דער העברעיִשער רעדאַקטאָר, ער איז דער פֿעליעטאָניסט, און

[1] חג־יובל הספרותי של נ. סקולוב [!] ביום ד׳ ניסן התרס״ד. פרשת החגיגה ותוכן הנאומים, המכתבים והתלגרמות שנתקבלו ע״י ועד־היובל, והשקפה המבררת את ערכו של חתן־היובל בתור ציוני. הוצאת בני ציון בוארשא. וואַרשע, תּרס״ד, 1904, 48 זז.



דאָקטאָר, ער איז דער פּאָליטיקער, ער — דער פּובליציסט, ער — דער פֿעליעטאָניסט, און אָפֿט מאָל אויך דער קאָרעספּאָנדענט. און די שפּראַך? איר ווייסט, רבותי, צו וואָס דאָס איז געגליכן? עס זײַנען פֿאַראַנען קראַנקע, וואָס במשך פֿון זייער קרענק פֿאַרגעסן זיי דאָס רעדן. מיט אונדזער פֿאָלק האָט אויך דאָס זעלביקע פּאַסירט. במשך פֿון זײַן לאַנגער גלות־קרענק האָט עס פֿאַרגעסן דאָס רעדן, זײַן שפּראַך, און איצטער, נאָך דעם ווי אונדזער פֿאָלק איז טויזנטער יאָרן געווען אָן אַ שפּראַך, קומט אַ מענטש און וויל אויסדריקן אַלע זײַנע געדאַנקען און געפֿילן אין דער אַלטער שפּראַך וואָס איז שוין לאַנג פֿאַרגעסן געוואָרן אויפֿן מאַרק פֿון לעבן. לאָזט מיך ציטירן אַ קליינעם בײַשפּיל. אַן אײראָפּעיִשער שרײַבער, אַ טאַלענטפֿולער מאָלער, וויל איבערגעבן אויפֿן פּאַפּיר עפּעס אַ בילד פֿון לעבן, פֿון דער נאַטור, אַ בילד מיט אַלע זײַנע נאַטירלעכע קאָלירן. איז וויפֿל מינים קאָלירן האָט ער גרייט פֿאַר זיך אין דעם אוצר פֿון זײַן שפּראַך, אין אירע ווערטערביכער און לעקסיקאָנען, מיט וועלכע ער באַנוצט זיך, אויף איבערצוגעבן די פֿײַנקייט פֿון דעם בילד אין אַלע זײַנע ניואַנסן. און אין דעם תּנך, וואָס דאָס איז דער לעקסיקאָן פֿון דער העברעיִשער שפּראַך, געפֿינט איר בלויז דרײַ־פֿיר קאָלירן, מיט וועלכע דער הײַנטיקער העברעיִשער שרײַבער קען זיך באַנוצן. דאָס איז בלויז איין בײַשפּיל פֿון אַ טויזנט, לויט וועלכן מיר קענען זיך אויסמאָלן ווי שווער עס איז פֿאַר אַ טאַלענטפֿולן שרײַבער צו שרײַבן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אין אונדזער אַלטער שפּראַך. אָבער סאָקאָלאָוו האָט זיך מיט זײַן קראַפֿט, פֿלײַס און טאַלענט דערהויבן איבער די דאָזיקע אַלע שטערונגען; ער האָט זיך ניט מצמצם געווען אין דעם שמאָלן תּחום פֿון די פֿריִערדיקע שרײַבערס וואָס ער האָט פֿאַר זיך געפֿונען. ער האָט געשאַפֿן אַ שלל קאָלירן וואָס זײַנען נייטיק געווען פֿאַר זײַן טאַלענט. מיט דער שפּראַך איז ער זיך באַגאַנגען ווי אַ מײַסטער. ער האָט אויפֿגעדעקט אין איר נײַע האָריזאָנטן און פֿאַרבאָרגענע רײַכקייטן, און איר אַרײַנגעגעבן אַ נײַ לעבן און אַ נײַע קראַפֿט, זי באַשאָנקען מיט שיינקייט און גלאַנץ. בעת סאָקאָלאָוו נעמט זיך באַשרײַבן אַ בילד פֿון דער נאַטור, דעם ים, דעם ריח פֿון אַ פֿעלד, שטייט ער פֿאַר אונדז ווי אַ כּהן אין דעם טעמפּל פֿון דער העברעיִשער שפּראַך, און ניט ווי אַ פּשוטער כּהן, נאָר ווי אַ כּהן גדול, און איך הייב אויף דעם בעכער און טרינק „לחיים״ צום שאַפֿער פֿון דער העברעיִשער שפּראַך און איר ליטעראַטור, ה׳ נחום סאָקאָלאָוו!״ *

ש. נ.

## וועגן די רעכט אויף פּרצעס כּתבֿים אין אַמעריקע

אין דער צוקונפֿט, 1902, ז׳ 349, געפֿינט זיך אַזאַ נאָטיץ פֿון דער רעדאַקציע (אָרטאָגראַפֿיע מאָדערניזירט):

> ... בײַ דיזער געלעגנהייט מאַכן מיר אויפֿמערקזאַם די לעזער, אַז פּלאַיס [פּרצעס] „מעשׂהלעך״ געהערן צו דער צוקונפֿט, און אויב אַ טייל פֿון זיי ווערט געדרוקט אַנדערסוו, איז דאָס נאָר צוליב דעם וואָס דער פֿאַרפֿאַסער אָדער זײַן סעקרעטאַר האָט על פּי טעות פֿאַרקויפֿט אַנדערסוו אַ קאָפּיע פֿון דעם מאַנוסקריפּט, פֿאַר וועלכן מיר האָבן באַצאָלט. קיינער וועט נאַטירלעך ניט צווייפֿלען, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַ טעות, אָבער מיר זײַנען געווען געצוווּנגען דאָס וואָס איז געזאָגט געוואָרן אויסצוטײַטשן, אום אַז דער עולם זאָל ניט מיינען, אַז די צוקונפֿט דרוקט די „מעשׂהלעך״ איבער פֿון אַנדערע בלעטער.

* פּרצעס רעדע איז דאָ איבערגעזעצט וואָרט בײַ וואָרט פֿון העברעיִש. אויף וואָסער שפּראַך ער האָט גערעדט איז ניט אָנגעוויזן. די רעדנערס זײַנען געווען, אינעם סדר ווי זיי זײַנען דערמאָנט אין באַריכט: אַדוואָקאַט יוסף קירשראָט (פּויליש), ד״ר ש. מינץ, וואָלף אַשכּנזי, י. ל. פּרץ, אַדוו׳ קליינערמאַן, זײַדעמאַן, אַדוו׳ יוליאַן קאָן, מ. נ. סירקין (שפּראַך ניט אָנגעוויזן), ח. י. חזן (העברעיִש), סעקרעטאַר פֿון דער ייִדישער קהילה לעאָן גראָסגליק, אַבֿרהם פּאָדליעווסקי (שפּראַך ניט אָנגעגעבן), ש. ל. גאָרדאָן (העברעיִש מיט דער ספֿרדישער הבֿרה), שלום אַש (ייִדיש), שאָול פּנחס ראַבינאָוויטש (ייִדיש), אַ. מ. לונץ (העברעיִש מיט דער ספֿרדישער הבֿרה). מען דאַרף משער זײַן, אַז אַלע רעדעס, וואָס בײַ זיי איז די שפּראַך ניט אָנגעוויזן, זײַנען געווען אויף פּויליש. — רעד׳.

taught Jew. history to young Rachel Wischnitzer



## פּרץ אין אַ קרײַזל װאַרשעװער גימנאַזיסטקעס

דאָס איז געװען אין 1902 אין װאַרשע. אין דער גימנאַזיע אױף װילטשע גאַס האָט זיך געהערט. דער הױפּט־אינטערעס פֿון דער „אינטעלעקטועלער" גרופּע צװישן די תּלמידות איז געלעגן אין נאַטור־װיסנשאַפֿטן, אַ פּנים אַ ירושה פֿון דעם דור פֿון פֿרױ סקלאָדאָװסקאַ־קורי. אין דער ביאָגראַפֿיע פֿון איר מוטער גיט עװע קורי זײער אַ קלאָר בילד פֿון אָט די שטרעמונגען בײַ דער װאַרשעװער פּױלישער אינטעליגענץ. אַזױ װי די דאָזיקע אינטעליגענץ האָט ניט געהאַט קײן מיגלעכקײט צו נעמען אַן אָנטײל אין דעם פּאָליטישן לעבן פֿון לאַנד, האָט זי זיך געזוכט אַנדערע אױסװעגן. אײנער פֿון זײ איז געװען דער אינטערעס צו נאַטור־װיסנשאַפֿטן. איז טאַקע קײן חידוש ניט, װאָס מיר גימנאַזיסטקעס האָבן געלײענט און דיסקוטירט העקעלן און אָרגאַניזירט אַ גרופּע צו שטודירן פֿאַר זיך עמבריאָלאָגיע.

אַן אינטערעס צו נאַטור־װיסנשאַפֿטן האָט געמײנט אַ קלאַפּ פֿאַר די רעאַקציאָנערע צילן פֿון דער רוסישער שול. איך געדענק, װי אַ רעאַקציאָנערער לערער פֿון געשיכטע איז אַרױס אין קלאַס מיט אַ שטאַרקן אַטאַק אױף דאַרװינס טעאָריע. עס איז אַזױ װײַט דערגאַנגען, אַז מיך האָט אַ לערער אױסגעמוסרט פֿאַר גײן הערן אַ לעקציע װעגן היפּנאָטיזם.

די אָפּאָזיציע פֿון דער שול־אַדמיניסטראַציע האָט װײניק געהאָלפֿן. אונדזער קרײַזל פֿלעגט זיך טרעפֿן אין פּריװאַטע הײמען, בײַ ייִדישע אָדער פּױלישע מײדלעך, צו דיסקוטירן פֿאַרשײדענע פּראָבלעמען. יוליע אַבראַמאָװיטש, דעמאָלט באַקאַנט װי די „משוגענע יולקע", װעלכע איז שפּעטער אַרײַן אין „בונד" און האָט געשפּילט אַ געװיסע ראָלע ביז איר פֿריצײַטיקן טױט פֿון טובערקולאָז, האָט אַראַנזשירט אַ צונױפֿקום בײַ זיך אין דער הײם װוּ אַ סטודענט פֿון װאַרשעװער אוניװערסיטעט האָט געהאַלטן אַ רעפֿעראַט. כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער אַטמאָספֿער פֿון די דאָזיקע אַסיפֿות איז דער װײַטערדיקער פֿאַל: רוזשקע נגיד, שפּעטער די פֿרױ פֿון דעם בונדיסט יעקבֿ שטשופּאַק, איז געװען זײער אַ שעמעװדיק מײדל, זי האָט אָבער פֿאָרט געװאָלט בײַזײַן, האָט זי זיך באַהאַלטן הינטער אַ סאָפֿע און אַזױ אָפּגעלעגן די גאַנצע צײַט פֿון רעפֿעראַט.

אין אונדזער קלאַס זײַנען געװען װאָסערע פֿערציק מײדלעך, אַן ערך אַ העלפֿט פֿון זײ ייִדישע. מײַן בעסטע חבֿרטע איז געװען לוציע אָלקעניצקי, װעלכע איז שפּעטער אַװעק קײן איטאַליע שטודירן, האָט דאָרט חתונה געהאַט און איז געװאָרן אַ דיכטערין אין דער איטאַליענישער שפּראַך. זי האָט געהאַט אַ װײַטע באַקאַנטשאַפֿט און האָט געפֿירט אַן אינטענסיװע קאָרעספּאָנדענץ מיט מאַקסים גאָרקי. לוציע און איך זײַנען געװען די אײנציקע אין קלאַס, װאָס האָבן ניט געשטאַמט פֿון פּױלן. מיר זײַנען על־כּן באַפֿרײַט געװען פֿון לימוד פֿון פּױליש. גראָד די לערערין פֿון פּױלישער ליטעראַטור, אַ הײסע פּאַטריאָטקע, האָט אונדז אינטערעסירט, און מיר פֿלעגן בגנבֿה זיך צוהערן װי זי האָט געלײענט שטעלעס פֿון פּאַן טאַדעוש. מיר האָבן גענומען אײַנזען, אַז מיר האָבן אױך אַ ליטעראַטור און אַ געשיכטע און זיך גענומען אינטערעסירן דערמיט. פֿון אונדזער רעליגיע־לערער, דוכאָװני, האָבן מיר װײניק װאָס געקענט אױסגעפֿינען װעגן די דאָזיקע ענינים. לוציע האָט דעריבער געהאַט אַ פּלאַן צו אַראַנזשירן אַ קורס אין ייִדישער געשיכטע. איר לערער פֿאַר העברעיִש, אַ סטודענט, טאַקע אונדזער רעליגיע־לערערס אַ זון, האָט איר פֿאָרגעלײגט פּרץ װי דעם פּאַסיקסטן לעקטאָר פֿאַר אַזאַ מין קורס.

פּרץ האָט אונדזער פֿאָרבעטונג אָנגענומען. דער קורס איז געגעבן געװאָרן בײַ אונדז אין הױז, הײַות װי מיר האָבן געהאַט אַ לפֿי־ערך גרױסע „סאַליע". פּרץ איז געזעסן בײַ אַ קלײן טישל לעבן אַ פּיאַנע. דער פֿעסט געבױטער, אַ ביסל קלײן־געװיקסיקער מאַן מיט די שװאַרצע האָר האָט גערעדט אױף אַ לעבעדיקן שפּאַנענדיקן אופֿן, אױף פּױליש. אָנגעהױבן האָט ער מיט דער ביבלישער תּקופֿה און דעם תּנ״ך און פֿאַר אונדז לעבעדיק געמאַכט די דאָזיקע תּקופֿה. מיר האָבן באַלד אײַנגעזען, אַז דער תּנ״ך איז אַ מקור פֿאַר ייִדישער געשיכטע און אַ בילד פֿון ייִדישן לעבן; פֿון דוכאָװנין פֿלעגן מיר הערן נאָר ביבלישע נעמען און מיר פֿלעגן פֿלאָנטערן ירבֿעם און רחבֿעם. די ערשטע לעקציע האָט אין אונדז דערװעקט אַ שטאַרקן אַפּעטיט פֿאַר די װײַטערדיקע לעקציעס.



אָבער דאָ האָט זיך אַרײַנגעמישט דער שׂטן אין דער געשטאַלט פֿון דער רוסישער פּאָליצײ. אַ טאָג אָדער צװײ נאָך דער ערשטער לעקציע איז אַ פּאָליצײ־אַגענט געקומען צו לוציעס פֿאָטער אין זײַן עלעגאַנטער אַפּטײק אױף נײַע־װעלט און אים געגעבן צו פֿאַרשטײן, אַז אױב זײַן טאָכטער און אירע חבֿרטעס ריכטן זיך צו באַקומען אַטעסטאַטן פֿון דער גימנאַזיע, זאָלן זײ בעסער אױפֿהערן די נאַרישקײטן מיט די לעקציעס....

דער ה' אָלקעניצקי האָט פֿאַרשטאַנען דעם װונק — און פּרצעס קורס פֿון ייִדישער געשיכטע פֿאַר דעם קרײַזל ייִדישע גימנאַזיסטקעס אין װאַרשע האָט זיך געענדיקט מיט דער ערשטער לעקציע.

ר ח ל  װ י ש נ י צ ע ר

## פּרץ אין אַ דיסקוסיע װעגן חדר

אין 1907 איז אין װאַרשע פֿאָרגעקומען אַן עפֿנטלעכע דעבאַטע װעגן דער ייִדן־פֿראַגע, מיטן אָנטײל פֿון אַדװאָקאַט ליפּאַצעװיטש און דעם אַסימילאַטאָרישן טוער יוזעף װאַסערצוג. פּרץ האָט גענומען אַ װאָרט אין דער דיסקוסיע. לױט בעלמאָנט האָט אין *Myśl Niepodległa* פֿון יענעם יאָר, ז' 804—806, אָפּגעדרוקט װעגן דעם דאָזיקן אָװנט אַן אױספֿירלעכן באַריכט. צו״אַנד האָט ער געשריבן:

> צו פֿאַרטײדיקן דעם „יודאַיִזם" װאָס האָט זיך געפֿונען אין אַ סכּנה האָט זיך אַ לאָז געטאָן דער זשאַרגאָנישער נאָװעליסט לעאָן פּרץ. ער האָט גערעדט נאָר דרײַ מינוט. ער האָט דערקלערט, אַז אײגנטלעך האָט ער ניט געהאַט בדעה צו רײדן, נאָר װאַסערצוג האָט אים פּראָװאָצירט. אין זײַן רעדע האָט ער שטאַרק פֿאַרטײדיקט דעם חדר.

בעלמאָנט פֿון זײַן זײַט פּאָלעמיזירט מיט פּרצעס מײנונגען װעגן חדר און שטעלט אים אַרױס װי אַ „פֿאַרטײדיקער פֿון פֿינצטערניש".

## באַגעגענישן מיט פּרצן

מיט פּרצן האָב איך זיך באַקאַנט אין פּעטערבורג, דוכט זיך מיר, אין יאָר 1911, אונטער אַזױנע אומשטאַנדן: די אָרטיקע בונדיסטן האָבן געהאַלטן אין אײַנאָרדענען אַ „ליטעראַריש־מוזיקאַליש־װאָקאַלישן" אָװנט לכּבֿוד פּרצן און האָבן זיך געװענדט צו מיר מיט אַ פֿאָרשלאָג, איך זאָל זיך באַטײליקן אינעם ליטעראַרישן טײל און פֿאָרלײענען עטלעכע משלים פֿון קרילאָװן, װעלכע איך האָב באַאַרבעט אױף ייִדיש.

עס איז געװען פֿאַר מיר אַ גרױסע פֿרײד צו דערזען דעם גאונישן ייִדישן שרײַבער... און צו האָבן דעם כּבֿוד אױפֿצוטרעטן מיט אים צוזאַמען אױף אײן בינע. די אָנקומענדיקע באַגעגעניש מיט פּרצן האָט מיך ביז גאָר אױפֿגערודערט. דער אָװנט איז געװען אײַנגעאָרדנט אינעם קלײנעם זאַל פֿון דער קאָנסערװאַטאָריע.

— איר לײענט אױך ? האָט ער געפֿרעגט, אַרײַנקוקנדיק מיר גלײַך אין די אױגן אַרײַן.

— יאָ, האָב איך געענטפֿערט.

— זײַנען מיר, הײסט עס, קאָנקורענטן, האָט פּרץ געזאָגט, און זײַן פּנים װאָס האָט ביז איצט געהאַט כּמעט אַ שטרענגען אױסדרוק האָט זיך צעשטראַלט אין אַ ליכטיקן שמײכל. איך האָב זיך מיט אַ מאָל דערפֿילט זײער לײַכט מיט אים. איך האָב אָנגעהױבן אױסצופֿאָרשן יעדן שטריך פֿון זײַן שײנעם, גאָרניט טיפּיש ייִדישן פּנים װאָס איז געװען זײער גלאַט אָפּגעגאָלט. דער שװאַרצער סורדוט איז געזעסן אױף אים װי אָנגעמאָסטן. זײַנע האָר, קורץ („פּאָד יאָזשיק") אָפּגעשױרן, זײַנען שױן געװען באַזילבערט מיט גרױ.

ער האָט די גאַנצע צײַט גערעדט אױף „זשאַרגאָן", אָבער בײַ אים האָט די דאָזיקע שפּראַך געקלונגען באמת װוּנדערלעך. זײַן אױסשפּראַך איז נאָר געװען פֿאַר מיר אַ ביסל משונהדיק: פּרץ האָט גערעדט װי אַ ייִד װאָס איז געבױרן און דערצױגן געװאָרן אין פּױלן.

אַ געוויסע צײַט זײַנען מיר געזעסן שטיל. דער זייגער האָט געוויזן 9. מיט אַ מאָל האָט זיך דערהערט אַ גלעקל. פּרץ איז אַ ביסל בלאַס געוואָרן און זײַן פּנים איז געוואָרן שטרענגער. נאָכן ערשטן גלעקל איז געקומען דאָס צווייטע און דאָס דריטע. אינעם „אַרטיסטישן״ צימער איז אַרײַן דער „פֿאַראַנטוואָרטלעכער אַנפֿירער״ פֿונעם אָוונט און ווענדנדיק זיך צו פּרץ געזאָגט: „ס׳איז אײַער אַרויסטריט״. פּרץ האָט פֿאַרשפּיליעט זײַן סורדוט אויף אַלע קנעפּ, אַ פֿיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן קאָפּ און זיך מיט גיכע טריט אַ לאָז געטאָן צום אַרויסגאַנג אויף דער בינע.

איך האָב זיך צוגעאײַלט אַרײַנצוגיין אין זאַל. דער זאַל איז געווען איבערגעפּאַקט מיט מענטשן: מען איז געשטאַנען בײַ די אַרײַנגאַנגען, אין די דורכגאַנגען, בײַ דער ראַמפּע און אין דער לענג פֿון די ווענט, אַפֿילו אויף די פֿענצטער איז מען געשטאַנען. ווי נאָר ס׳האָט זיך באַוויזן דער באַליבטער שרײַבער, האָט זיך אַרויסגעריסן אַ מאַכטיקער דונער אַפּלאָדיסמענטן, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ דרײַ מינוט.

פּרץ איז געשטאַנען אַ בלאַסער און האָט זיך פֿאַרנייגט. סוף־כּל־סוף האָט דער עולם אַליין אָנגעהויבן אײַנצושטילן די צו פֿלײַסיקע „אַפּלאָדירערס״, און בהדרגה האָבן זיי זיך באַרויִקט. דער זאַל איז מיט אַ מאָל באַהערשט געוואָרן פֿון אַ טויטער שטילקייט. פּרץ האָט אָנגעהויבן ריידן. זײַן קול, פֿון אָנהייב אַ ביסל אַ שוואַכער, איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. לויט זײַן שטײַגער, האָט ער אויך דאָס מאָל געהאַלטן אין אימפּראָוויזירן. איך האָב זיך געמוזט אָנשטרענגען כּדי צו דערהערן זײַנע ווערטער, כאָטש איך בין געזעסן זייער נאָענט צו דער בינע. ס׳געדענקט זיך מיר, אַז ער האָט געהאַלטן אין שילדערן אַ שטורעמדיקן ים... איך האָב גע־קוקט אויף זײַן באַגײַסטערט פּנים, האָב געשלונגען יעדעס וואָרט זײַנס און בהדרגה האָב איך זיך צוגעהערט צו דעם קלאַנג פֿון זײַן אויסשפּראַך וואָס איז מיר געווען פֿרעמד. אָבער אין זאַל איז פּלוצעם פֿאָרגעקומען עפּעס אַזוינס וואָס מען קען ניט אָנרופֿן מיט קיין שום נאָמען: פֿון אויבן און פֿון אונטן האָבן זיך אָנגעהויבן טראָגן קולות: „העכער!״ „מען הערט נישט!״ „מיר פֿאַרשטייען גאָרנישט!״ „רעדט ייִדיש״... די התפּעלותדיקע אַפּלאָדיסמענטן, מיט וועלכע מען האָט אָקערשט באַגעגנט פּרצן, האָבן זיך פּלוצעם פֿאַרביטן אין אויפֿגערייצטע און אומ־אָנשטענדיקע אויסרופֿן. דער „טײַערער גאַסט״, דער „גרויסער ייִדישער שרײַבער״ איז אַנטשוויגן געוואָרן, זײַן פּנים איז נאָך בלאַסער געוואָרן און, אָנשטעלנדיק זײַנע „אויגן פֿון אַ לייב״ אויפֿן עולם, האָט ער זיך האַסטיק אויסגעדרייט און פֿאַרלאָזט די בינע.

מיך האָט אָט דער סקאַנדאַל אַזוי דערשלאָגן, אַז איך האָב קוים געפֿונען דעם וועג אינעם אַרטיסטישן צימער. אַהערצו האָבן זיך דערטראָגן די אַפּלאָדיסמענטן פֿון יענעם טייל עולם וואָס האָט פֿאַרשטאַנען ווי גראָב ס׳איז געווען די אויפֿפֿירונג פֿון יענע וואָס האָבן זיך פֿאַרגעסן... פּרץ האָט נאָך האַסטיקער גענומען שפּאַנען איבערן צימער. דערזעענדיק מיך האָט ער עפּעס מאָדנע אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— איצט האָט איר ניט וואָס מורא צו האָבן פֿאַר קאָנקורענץ...

די עטלעכע ווערטער האָבן געקלונגען ווי אַ טענה.

נאָך פּרצן האָט געזונגען עפּעס אַ זינגערין, ס׳איז אַרויסגעטראָטן אַ זינגער, אַ פֿידלער — און דער ערשטער טייל פֿון פּראָגראַם איז געווען פֿאַרענדיקט. איך האָב געמיינט, אַז פּרץ וועט אַרויסטרעטן האָט ער געדאַרפֿט אינעם צווייטן טייל, דער צווייטער אין דער ריי. איך בין געווען דער ערשטער. ס׳איז געקומען דער מאָמענט, און איך בין אַרויס. איך בין געווען צופֿרידן, וואָס מען האָט מיך אויפֿגענומען כּמעט אָן אַפּלאָדיסמענטן. איך האָב איבערגעלייענט צוויי משלים און האָב פֿאַרלאָזט די בינע. איך בין אין כּעס געווען אויפֿן עולם און האָב געהאַט עגמת־נפֿש צוליב דער מעשׂה מיט פּרצן. אַרײַנקומענדיק צוריק אינעם אַרטיסטישן צימער האָב איך באַמערקט, אַז פּרץ גייט מיר שנעל אַנטקעגן.

— איך האָב צו אײַך אַ בקשה! לייענט איבער פֿאַר מיר עפּעס פֿון מײַנע זאַכן... איך בעט אײַך.



אין זײַן קול האָט זיך געפֿילט די אויפֿריכטיקייט פֿון זײַן בקשה.

מײַן ענטפֿער איז געווען: איך קען בשום אופֿן ניט און איך האָב ניט די העזה אײַך צו פֿאַרבײַטן.

— אָבער איר האָט דאָך געזען וואָס ס׳איז פֿאָרגעקומען?!

— יאָ; פֿון דעסט וועגן איז אײַער באַווײַזן זיך אויף דער בינע שוין אַליין פֿאַר זיך אַ גרויסע געשעעניש.

ער האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די פּלייצעס און איז אַרויס אויף דער בינע. ס׳האָט זיך איבערגעחזרט די ערשטע אָוואַציע. אַ סך פֿון דעם עולם זײַנען צוגעגאַנגען האַרט צו דער ראַמפּע. ער האָט ווידער אַ מאָל אָנגעהויבן אימפּראָוויזירן. און אין משך פֿון זײַן ריידן זײַנען די צוהערערס פֿאַרכּישופֿט געוואָרן. ער האָט דערציילט וועגן אַ געדיכטן טונקעלן וואַלד, ווו הונדערטיאָריקע דעמבן און סאָסנעס האָבן געפֿירט אַ שמועס צווישן זיך, און דער ווינט האָט זיך באַמיט דעם שמועס זייערן צו דערשטיקן. איך געדענק — דער וואַלד איז לעבעדיק געוואָרן, און דער ווינט האָט באַקומען די געשטאַלט פֿון אַ דעמאָן וואָס שוועבט איבערן וואַלד... קיין מאָל אין מײַנע שפּעטערדיקע יאָרן איז מיר ניט אויסגעקומען צו הערן עפּעס וואָס זאָל זײַן מער וווּנדערלעך און דערהויבן. פּלוצעם האָט ער איבערגעריסן זײַן אימפּראָוויזאַציע און האָט פֿאַרלאָזט די בינע. לאַנג האָבן ניט אויפֿגעהערט די הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן, אָבער ער האָט זיך ניט באַוויזן.

די צווייטע און לעצטע באַגעגעניש מײַנע מיט פּרצן איז אויך פֿאָרגעקומען אין פּעטערבורג. פּרץ איז געקומען אַהער צו אָרגאַניזירן אַ פֿאָנד פֿאַר אויפֿבויען אַ „נײַעם ייִדישן טעאַטער״. פּרץ האָט שוין צו יענער צײַט געהאַט אָנגעשריבן זײַנע אויסגעצייכנטע פּיעסעס: „די גאָלדענע קייט״, „וואָס אין פֿידעלע שטעקט״, „אַ מאָל איז געווען אַ מלך״ און אַ סך אַנדערע, וואָס פֿאַר אויפֿפֿירן זיי איז ניט געווען ניט קיין טעאַטער, ניט קיין אַקטיאָרן, ניט קיין רעזשיסער, ווײַל דער אַלטער ייִדישער טעאַטער, אַרײַנגערעכנט אויך דעם טעאַטער בראָש פֿון וועלכן ס׳איז געשטאַנען די הויך טאַלענטירטע אסתּר רחל קאַמינסקי, האָט ניט געטויגט פֿאַר אַזאַ מין רעפּערטואַר.

דאָס באַווײַזן זיך פֿון פּרצן אין דער אייגנשאַפֿט פֿון אַ „פֿאָנד״־אָרגאַניזאַטאָר איז אָנגע־נומען געוואָרן ווי אַ „פֿאָרס מאַזשער״ מצד יענע מענטשן וואָס זײַנען געווען פֿאַראינטערעסירט אינעם גורל פֿון ייִדישן טעאַטער. דער גרויסער שרײַבער איז געקומען גראָד אין יענע טעג, ווען ס׳איז דורכגעפֿאַלן דער פּרווו פֿונעם יונגן דראַמאַטורג פּרץ הירשביין אויפֿצולעבן דעם ייִדישן טעאַטער. אַ האַלב קראַנקער און אַ ביז גאָר אַנטוישטער האָט דער טאַלענטירטער הירשביין פֿאַרלאָזן רוסלאַנד אויף שטענדיק, מיטנעמענדיק מיט זיך די איבערצײַגונג אין דער טויטער גלײַכגילטיקייט צום ייִדישן טעאַטער הן מצד דער ייִדישער בורזשואַזיע, הן מצד דער אינטעליגענץ. דער דורכפֿאַל פֿון הירשביינס אונטערנעמונג האָט ניט אַרויסגעשלאָגן די כּלי־זיין פֿון די הענט פֿונעם אייביק ענערגישן פּרצן.... און אָט איז ער, אין זײַן 56סטן יאָר, גרייט אָנצוהייבן אַ קאַמף מיט דער גלײַכגילטיקייט פֿון די וואָס וואָלטן געווען ביכולת צו העלפֿן סײַ מאַטעריעל סײַ מאָראַליש אַראָפּרוקן דעם ענין ייִדיש טעאַטער פֿון זײַן טויטן פּונקט.

איך געדענק די ערשטע פֿאַרזאַמלונג אינעם זאַל פֿון דער געוו׳ קאַלאַשניקאָווער בערזע. ס׳האָט זיך פֿאַרזאַמלט אַ מאַסן־עולם. און ווידער אַ מאָל האָב איך דערהערט זײַנע דערהויבענע רייד, ווידער אַ מאָל האָט דער שוין כּמעט גרויער פּרץ גערעדט מיט לעבעדיקע בילדער, מיט שטראַלנדיקע, אומפֿאַרגעסלעכע מעטאַפֿערס. דער ייִדישער טעאַטער, האָט ער זיך טרעפֿלעך אויס־געדריקט, „שטאַרבט ווי הבֿל וואָס איז דערהרגעט געוואָרן דורך דעם קאַלטבלוטיקן און טעמפּן קינען״... פֿון דעסט וועגן מוז מען מיט אַ געפֿיל פֿון חרפּה און באַדויער קאָנסטאַטירן, אַז ניט די פֿלאַם פֿײַערדיקע רעדעס פֿונעם באַרימטן שרײַבער, ניט זײַן אויפֿריכטיקער עגמת־נפֿש פֿאַרן גורל פֿון ייִדישן טעאַטער האָבן ניט געהאָלפֿן: די צדקה־פּושקע, מיט וועלכער פּרץ האָט אַזוי פֿלײַסיק געקלאַפּט, איז געבליבן כּמעט פּוסט. איך געדענק, ווי בעת זײַן לעצטן אַרויסטריט האָט דער

